בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

## סעודה שלישית

## ואתחנן תשכ"ז (חלק ב)

בעיר שעראָן ספרינגס נ. י.

## שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד

• במדרש: שמע ישראל אבינו, אותו הדבר שציותנו עדיין הוא נוהג בנו • השבטים אמרו ליעקב כְּשֵׁם שֶׁאֵין בִּלְבָבְךָ אֶלָּא אֶחָד, כַּךְ אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד • ביאור שינוי הלשון בין ה' 'אֱלֹקֵיכֶם' הִרְבָּה אֶתְכֶם, ובין ה' 'אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵכֶם' יֹסֵף עֲלֵיכֶם • ביאור דברי רש"י: אם תְּעַוְּתוּ אותם מתוך שכחה, תחשבו שׁוֹטִים • כשיש נסיון של שכחת וְעִוּוּת התורה, העצה להביט דעת אבותינו ורבותינו שבדורות הקודמים • בספר העיקרים: ביאור פסוק אֲשֶׁר יְמִרוּךָ לִמְזִמָּה • ביאור פסוק: לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר ה' צוּרִי וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ • רמב"ם: מי שאינו מאמין בתורה ובנבואת משה, בידוע שאינו מזרע האנשים שעמדו על הר סיני • ביאור דברי רש"י: ה' שהוא אֱלֹקֵינוּ עתה, ולא אלקי האומות, הוא עתיד להיות ה' אֶחָד, לקרוא כולם בשם ה' •

**נעתקו בלשון אידיש**

## בהוספת ביאורים והערות

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ד לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | אויטאמאטיש דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

**לשון קדשו - קונטרס ראה** (חלק ב) (**23** מינוט מתוך **86**) **כמעט קלאָר** ★★★☆☆

**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך **977** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→5→227.2**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **מאיר יעקב כהנא** הי״ו
לרגל אירוסי בנו החתן **דוד** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **אברהם מאיר יעקב פאלאטשעק** הי״ו

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרבני החסיד המפואר
הגה בתורה והשתעשע בספרי תלמידי הבעש״ט,
הסתופף בצל רביה״ק זי״ע וזכה לשמש צדיקים
רבי **אברהם** ז״ל **יאקאבאוויטש**
ב״ר **נפתלי הירצקא** ז״ל
נפטר י״ג אב תשמ״ט

הרה״ח זקן ונשוא פנים, קבע עתותיו לתורה, ממשכימי קום,
הרבה פעלים לצדקה להכנסת כלה ולעניי ארץ ישראל,
עסק במצות כל היום, והיה דבוק ברביה״ק זי״ע
רבי **ברוך יהודא** ז״ל **שניצלער**
בן הגה״צ ר׳ **שרגא שמואל** ז״ל - אב״ד טשאבא
נפטר ט״ז מנחם אב תשע״ה

הרה״ח איש החסד וכביר המעש, בפעולות חובקות
זרועות עולם לנצרכים בכל קצוי תבל
רבי **חיים דוב** ז״ל **מייזעלס**
בן הרה״ח ר׳ **חנני׳ יו״ט** שליט״א - נפטר ח״י אב תשפ״ג
**ובהיותו דבוק לתורת רביה״ק זי״ע נטל על עצמו בתקופה הראשונה**
**לישא בעול ההדפסה וההפצה בעיר וויליאמסבורג יצ״ו**

האשה החשובה והצנועה טובת לב ובעלת חסד,
כפה פרשה לעניים ואביונים,
זכתה לשרת בבית רביה״ק זי״ע
מרת **גיטל** ב״ר **אהרן הכהן** ע״ה
אשת הרה״ח **יעקב יושע הלוי טירנויער** ז״ל
נפטרה י״ב אב תשס״ג

האשה החשובה והצנועה, בעלת מדות טובות וישרות,
נזהרה בלשונה, חכמות נשים בנתה ביתה
מרת **שרה דינה** ע״ה **ווידער**
ב״ר **צבי יונתן** ז״ל
נפטרה י״ח אב תשע״ו

הרה״ח רבי
**משה אפרים**
ב״ר **ארי׳** ז״ל
**הערשקאוויטש**

מרת **בילא מינדל** ע״ה
ב״ר **גור ארי׳ הלוי** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **דוד ראזענבוים** ז״ל
נפטרה י״ח אב תשמ״ח
**לא הניחה זש״ק ונא לעשות לטובת נשמתה**

KolSatmar.com

כא

[קושיא י - מתוך הדרוש]

[בפסוק וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם כִּי הִוא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים. פירש רש״י, בזאת תחשבו חכמים ונבונים לעיני העמים. ולהלן מזה בפסוק רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים וגו׳, פירש רש״י, אָז כשלא תשכחו אותם, ותעשום על אמתתם, תחשבו חכמים ונבונים. ואם תעוותו אותם מתוך שכחה, תחשבו ׳שוטים׳, עד כאן.

י) ויש להבין למה כינה אותם בלשון ׳שוטים׳, והלא אם מעוותים את המצות הרי הם בגדר ׳רְשָׁעִים׳, ולא רק בגדר ׳שׁוֹטִים׳]. (הקושיא בדברי רבינו, באות נג-נד)

כב

# קושיות ודקדוקים בפרשת כִּי תוֹלִיד בָּנִים

ווייטער אין די פרשה, - פרשת ואתחנן איז די פרשה פון נֶחָמָה, [וואָס] מ׳ליינט [בהפטורה] נַחֲמוּ נַחֲמוּ, - [און] אין דער פרשה איז דער גאַנצער תִּשְׁעָה בְּאָב, כִּי תוֹלִיד בָּנִים, וואָס מ׳ליינט דאָרט [בתשעה באב] די קריאה כִּי תוֹלִיד בָּנִים וְהִשְׁחַתֶּם, הַעִידֹתִי בָכֶם הַיּוֹם אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ.

כד

הקדמה לקושיא יב

במדרש מביא לכאן הפסוק כְּרֻבָּם כֵּן חָטְאוּ לִי. ומפרשו תחילה, דהיינו על ידי שהגדולים חטאו להתיר האסור, עי״ז חטאו כולם. ואחר כך מפרש מלשון ריבוי, שעל ידי שנתרבה בבנים, ונתרבו בממון ונתעשרו, באו לידי חטא

[און אויף] כִּי תוֹלִיד בָּנִים וּבְנֵי בָנִים, זאָגט דער מדרש רבה[א], זה שאמר הכתוב כְּרֻבָּם כֵּן חָטְאוּ לִי.

זאָגט ער צוויי פְּשָׁטִים, עטליכע פְּשָׁטִים.

כה

[איין פְּשַׁט איז, אַז] כְּרֻבָּם מיינט די נְשִׂיאִים מיט די בָּתֵּי דִינִים, די מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל, [אז ווייל] זיי האָבן געזינדיגט, דורכדעם איז דאָס גאַנצע דור אַריינגעפאַלן. אַז דער נָשִׂיא [איז מַתִּיר], זאָגט דער אַב בֵּית דִין, [אַז] דער נָשִׂיא איז מַתִּיר אַצינדערט זאָל איך אַסֵר׳ן?

אַזוי ליגט אַלעס [כל האשם] אויף די רָאשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, [ועל זה נאמר לשון] כְּרֻבָּם [דפירושו כגדוליהם].

כו

נאָך אַ פְּשַׁט זאָגט ער, כְּרֻבָּם, [ווען] איך האָב זיי ׳גרויס׳ געמאַכט, איך האָב זיי

[א] בדברים רבה (ב, יט): דבר אחר, זה שאמר הכתוב (הושע ד, ז) כְּרֻבָּם כֵּן חָטְאוּ לִי כְּבוֹדָם בְּקָלוֹן אָמִיר. מהו כְּרֻבָּם, אמר רבי שמואל בר נחמני שכל מה ׳שהגדולים׳ עושין, הַדּוֹר עושה. כיצד, הנשיא מתיר, ואב בית דין אומר הנשיא מתיר ואני אוסר (בתמיה), והדיינים אומרים אב בית דין מתיר ואנו אוסרים, ושאר הדור אומרים הדיינין מתירין ואנו אוסרים. מי גרם לכל הדור לחטוא, הנשיא שחטא תחלה. ○ אמר רבי שמלאי, כתיב (שם ב, ז) כִּי זָנְתָה אִמָּם הֹבִישָׁה הוֹרָתָם, שהן מביישין דבריהם בפני עמי הארץ. כיצד, החכם יושב ודורש בצבור לא תלוה בריבית, והוא מלוה בריבית. אומר לא תגזול, והוא גוזל. אומר לא תגנוב, והוא גונב. אמר רבי ברכיה מעשה באדם אחד שנגנבה טליתו והלך לקבול לדיין עליה, ומצאה פרושה על מטתו. וא״ר ברכיה מעשה באדם אחד שנגנבה קומקמוס שלו ועלה לקבול עליו לדיין, ומצאו על הכירה שלו, הוי ׳כְּרֻבָּם׳ כֵּן חָטְאוּ לִי.

דבר אחר ׳כְּרֻבָּם׳ כֵּן חָטְאוּ לִי, אמר רבי תנחומא כל שהרביתי להם ארצות, כֵּן חָטְאוּ לִי. מנין, שנאמר (שם יב, יב) גַּם מִזְבְּחוֹתָם כְּגַלִּים עַל תַּלְמֵי שָׂדָי. ○ דבר אחר, כל שהרביתי להן עושר, כֵּן חָטְאוּ לִי. מנין, שנאמר (שם ח, ד) כַּסְפָּם וּזְהָבָם עָשׂוּ לָהֶם עֲצַבִּים. ○ דבר אחר, כל שהרביתי להן מלכים, כֵּן חָטְאוּ לִי. מנין, שנאמר (שם ז, ז) כָּל מַלְכֵיהֶם נָפָלוּ אֵין קֹרֵא בָהֶם אֵלָי. ○ דבר אחר, כל שהרביתי להן בנים, כֵּן חָטְאוּ לִי, שנאמר כִּי תוֹלִיד בָּנִים וגו׳.

KolSatmar.com

געגעבן גְדוֹלוֹת [שונות, על זה נאמר] ׳**כְּרֻבָּם׳ כֵּן חָטְאוּ לִי**, [אַז דורכדעם] **האָבן זיי מער געזינדיגט.**

[ומפרש] **כְּרֻבָּם** [מלשון ריבוי וגדולה, וועַן] **איך האָב זיי געמאַכט עֲשִׁירִים.**

[וכן] **רעכנט ער אויס אַסאַך פְּשָׁטִים** [כאלו] **אויף דעם כְּרֻבָּם.**

כז

[און] **אַזוי אין די מפרשים פשוט, אויף די פסוקים אין הושע, טייטשן זיי, זאָגן אַלע אַזוי**[ב] **אויף דעם דרך** [השני שבמדרש]. **כְּרֻבָּם זיי זענען גרויס געוואָרן,** [אָדער] **כְּרֻבָּם זיי זענען נִתְרַבֶּה געווען,** [והוא מה שנאמר כאן] **כִּי תוֹלִיד בָּנִים וּבְנֵי בָנִים.**

כח

[איבערדעם] **זאָגט ער עס** [במדרש] **אויף דעם פסוק** [כִּי תוֹלִיד בָּנִים].

**זעט אויס** [שהמדרש] **ער שטעלט עס וועגן דעם** [צוזאַם, עם פסוק דהכא], **ווייל דאָס האָט אַ שייכות.**

**כִּי תוֹלִיד בָּנִים וּבְנֵי בָנִים, ווייל זיי זענען מרובה בבנים, ובדורות** [שברבות הדורות הם הולכין ויורדין, וגם שיש] **רַבָּתִי עָם** [איכה א, א], **זיי זענען מרובה בבנים, איבערדעם כֵּן חָטְאוּ לִי**[ג]. **אַזוי ווי ס׳איז טאַקע געווען דער מצב העולם ביי די מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל, ס׳איז געווען כְּרֻבָּם,** [ועל ידי זה נתגאו וחטאו בעבודה זרה ח״ו].

**זעט אויס ער האָט עס אַרויסגענומען** [דער מדרש] **פון מַשְׁמָעוּת, ווייל ס׳איז אַזוי געווען דאָס מְצִיאוּת.**

כט

קושיא יב – מתוך הדרוש

[אמנם מה שיש להבין עוד בדברי המדרש הוא, דהרי בפשט הראשון מבואר שירידת כל הדור מתחיל בהנשיא ושאר גדולי הדור. אבל לעומת זה לפי פשט השני משמע שהירידה התחיל מצד העם וכל הדור, כשנתרבו ונתגדלו בעשירות וריבוי בנים וכדומה. והוא לכאורה קצת סתירה בין אלו הב׳ פשטים].

(הקושיא מבואר בדברי רבינו, באות פג)

לב

# קושיות ודקדוקים בפרשת קְרִיאַת שְׁמַע

**און דערנאָך כסדר, די גאַנצע פרשה דערנאָך ווייטער.**

**זאָגט ער, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד. דאָס איז דאָך דער יִחוּד** [ה׳, און] **די**

---

[ב] **ברש״י הושע** (ד, ז): **כְּרֻבָּם כֵּן חָטְאוּ. כְּשֶׁרָבוּ וְגָדְלוּ, כן הוסיפו לחטוא וכו׳.**

**ובאבן עזרא שם: כְּרֻבָּם, אני הרביתי בניך. כֵּן חָטְאוּ לִי, חטאים רבים וכו׳.**

**וברד״ק שם: ועתה שרבו בניו ופרצו, חָטְאוּ לִי ושכחו תורתי, כמו שהטיבותי להם הרעו הם וכו׳.**

**ובמצודת דוד שם: כְּרֻבָּם, כפי מה שאני מוסיף לגדלם, כן מוסיפים הם לחטוא לי וכו׳.** [ובמצודת ציון: כְּרֻבָּם ענין גְדוֹלָה, כמו כִּי רַבָּה הִיא (אסתר א, כ)].

**ובפי׳ המלבי״ם שם: כְּרֻבָּם, כי בניך עת ירבו, כפי שירבו ויעצמו, כֵּן חָטְאוּ לִי, כן יוסיפו לחטוא וכו׳.**

[ג] **ועיין בס״ג ויחי תשכ״ז** (לשון קדשו קונטרס רסד ח״ב, אות פט-צו ועוד), **מה שביאר רבינו באורך דבתוך ריבוי העם בעל כרחך ישנם זה לעומת זה גם נשמות נמוכות העלולים לחטוא, שהרי צדיקים הם מועטים, וכמו שאמרו** (יומא לח:) **ראה הקב״ה שהצדיקים מועטים עמד ושתלן בכל דור ודור.**

קְרִיאַת שְׁמַע וואָס אידן ברויכן צו זאָגן יעדן טאָג, צוויי מאָל אין טאָג, ס׳איז אַ חִיוּב דְאוֹרַיְיתָא.

דאָס איז דער [מצות] יִחוּד ה׳, [וואָס] מ׳איז מְיַחֵד השם יתברך [בתוך לבבו].

דאָס איז דער שׁוֹרֶשׁ פון די אֱמוּנָה[ד], [שהיא] דער שׁוֹרֶשׁ פון אַ איד, ווער ס׳הייסט נאָר יִשְׂרָאֵל[ה], [וכלשון הכתוב] שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד.

לג

**קושיא טו**

ברש״י מפרש הפסוק ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד. ה׳ שהוא אֱלֹקֵינוּ עתה,
ולא אלקי העובדי כוכבים, הוא עתיד להיות ה׳ אֶחָד, לקרוא כולם בשם ה׳

נאָר לכאורה, דעם פָּסוּק ברויך מען פאַרשטיין.

רש״י טייטשט[ו], ה׳ ׳אֱלֹקֵינוּ׳, אַז היינט איז נאָר אֱלֹקֵינוּ, און נישט [אֱלֹקֵי] פון די אומות, און לעתיד וועט זיין ה׳ אֶחָד [בפי הכל, ווייל] די אומות וועלן אויכעט צוהערן.

לד

והקשה המזרחי דאם כן לפי פירושו ענין הכתוב הוא רק כעין סיפור דברים,
והלא קיימא לן דיש כאן ׳ציווי׳ של אמונת יחוד ה׳. ונדחק לתרץ בזה

פרעגט דער מזרחי[ז], לפי זה איז דאָך עס נאָר אַ סִיפּוּר, ער זאָגט דאָך נישט אַ צִיוּוּי אַז מ׳זאָל גלייבן, ער דערציילט דאָך נאָר אַז היצטערט איז נאָר אֱלֹקֵינוּ און

---

[ד] וז״ל הרמב״ן (ו, ד): שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ. גם בזה מצוה שיבאר, כי בדבור אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ (יתרו כ, ב) יהיה היחוד וכו׳, אבל בא לבאר המצוה הזו. והזכיר אותה אחר עשרת הדברות, לפי שהוא שרש באמונה, וכל מי שאינו מודה בה כופר בעיקר כעובד עבודה זרה.

ובספר החינוך (מצוה תיז): מצות אחדות ה׳. שנצטוינו להאמין כי השי״ת הוא הפועל כל המציאות אדון הכל אחד בלי שום שיתוף, שנאמר שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד. וזו מצות עשה היא, אינה הגדה, אבל פירוש שְׁמַע, כלומר קַבֵּל ממני דבר זה, ודעהו והאמן בו, כי ה׳ שהוא אֱלֹקֵינוּ, אֶחָד הוא. והראיה שזו היא מצות עשה, אמרם זכרונם לברכה תמיד במדרשים על מנת לייחד שמו, כדי לקבל עליו מלכות שמים, כלומר ההודאה ביחוד, והאמונה. ○ שורש מצוה זו ידוע, כי זה עיקר אמונת כל בני העולם, והוא העמוד החזק שלב כל בן דעת סמוך עליו. ○ מדיני המצוה, מה שאמרו ז״ל שחייב כל אחד מישראל ליהרג על מצות יחוד, לפי שכל שאינו מודה בייחודו ב״ה, כאילו כופר בעיקר, שאין שלימות הממשלה וההוד אלא עם האחדות הגמור, ולב כל חכם לב יבחן זה. וא״כ הרי מצוה זו מכלל איסור עבודה זרה, שאנחנו מצווין ליהרג עליו בכל מקום ובכל שעה. ויתר פרטיה מפוזרין במדרשות ובמקומות בתלמוד, ושם מעשים הרבה מכמה בני ישראל גדולים וקטנים שנהרגו על קדושת יחודו ברוך הוא, זכר כולם לברכה. ○ ונוהגת מצוה זו בכל מקום ובכל זמן, בזכרים ונקבות. ○ ועובר על זה ואינו מאמין בייחודו ב״ה, ביטל עשה זה, וגם כל שאר מצוות התורה, כי כולם תלויות באמונת אלקותו ויחודו. ונקרא כופר בעיקר, ואינו מכלל בני ישראל, אלא מכלל המינין, והבדילו ה׳ לרעה, והמאמין בה׳ ובוטח בו ישוגב. וזאת אחת מן המצוות שאמרנו בתחלת הספר שהאדם חייב בהן בהתמדה, כלומר שלא יפסק חיובן מעליו לעולם, ואפילו רגע קטן. [ועיין עוד בזה להלן בהערה ח, בשם הרמב״ם והסמ״ג וסמ״ק].

[ה] ועיין להלן באות פא.

[ו] ברש״י (ו, ד): ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד. ה׳ שהוא אֱלֹקֵינוּ עתה, ולא אלקי העובדי כוכבים, הוא עתיד להיות ה׳ אֶחָד, שנאמר (צפני׳ ג, ט) כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳, ונאמר (זכרי׳ יד, ט) בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה׳ אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד.

[ז] בפי׳ הרא״ם על רש״י (שם): דאם לא כן ׳שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֶחָד׳, או ׳ה׳ אֱלֹקִים אֶחָד׳ מיבעי ליה, כמו (להלן ד, לט) כִּי ה׳ הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וגו׳. ○ אך קשה, דלפי זה האי קרא לאו בייחודו יתברך קמיירי, אלא שמודיענו שהוא עתיד להיות אחד לכל האומות, ולא כמו עכשיו שיש לכל אומה ואומה אלוה בפני עצמו. ואין הדבר כן, שהרי ייחודו יתברך ושהוא מצות עשה, לא למדו אותו רבותינו ז״ל (ברכות יג:) אלא מהאי קרא. ואמרו רבותינו ז״ל (שם) שצריך להאריך בדל״ת של אחד עד שיגמור בכוונתו מחשבה שהוא אחד בשמים ובארץ ובארבע רוחות העולם. ○ ושמא יש לומר, ד׳אלקינו׳ דהכא הוא דקא דריש, דהוה ליה למכתב שמע ישראל ה׳ אחד או ה׳ אלקים אחד (וכדלעיל), מאי ׳אלקינו׳, לומר לך שה׳ שהוא עכשיו אלוק שלנו בלבד ולא לשאר האומות, יבא זמן שיהיה אלוק לכל האומות, ואז יהיה ה׳ אֶחָד לכלם. אבל לעולם עיקר ייחודו יתברך מהכא

KolSatmar.com

לעתיד וועט זיין אֶחָד, זאָגט ער דאָך הערשט אַז לעתיד וועט זיין אֶחָד, איז דאָך עס נאָר אַ סִיפּוּר וואָס ס'וועט זיין לעתיד, איז עס דאָך נישט דאָס.

[ובאמת קיימא לן] ס'איז דאָך גאָר אַ צִיווּי[ח], דאָס איז דאָך אַ צִיווּי וואָס מ'איז מְקַבֵּל [אמונת יחודו יתברך], וואָס דער בורא כל עולמים האָט מְצַוֶּה געווען מ'זאָל וויסן מ'זאָל מְיַחֵד זיין שְׁמוֹ יִתְבָּרֵךְ.

און לויט ווי רש״י טייטשט, איז דאָך דאָס עפּעס נאָר אַ סִיפּוּר.

און ער בלייבט בצריך עיון[ט], דער מזרחי.

לה

ובגור אריה מתרץ, דהכוונה דממה שכולם יודו לעתיד, מוכח דגם עתה האמת כן, ואם כן שייך זה לאמונת היחוד

און דער **גור אריה** פאַרענטפערט עס[י], ער זאָגט [אַז] דער פסוק זאָגט ווייל ס'וועט לעתיד זיין [ניכר יחודו בפי הכל], איז אַ סימן אַז ס'איז היצטערט אויך אַזוי, אַז דאָס איז אֱמֶת.

אַזוי טייטשט ער עפּעס ..

לו

אבל אכתי צריך להבין, דמה לנו להזכיר זאת, דעתה הוא לא אלקי האומות, שאין האומות מכירין בו עתה. וכי מה שייך זה לאמונת היחוד

טו) אָבער דער אֱמֶת, דאַרף מען [נאָך] אַלץ פאַרשטיין. וואָס דאַרף מען גאָר מַזְכִּיר זיין אַז היצט איז נאָר ה' אֱלֹקֵינוּ, וואָס קער דען דאָס צום יִחוּד. [והרי] אדרבה, לכאורה דאָס איז דאָך עפּעס ווי אַ שטיקל סְתִירָה.

---

נפקא. וכאילו אמר, שמע ישראל, שעכשיו בלבד ה' אלקינו ולא לשאר האומות, אבל יבא זמן שיודו בו כל האומות ויאמרו ה' אחד, שאין כייחודו אחד מן האחדים (לשון רמב״ם יסודי התורה א, ז), והוא אחד בשמים ובארץ ובארבע רוחות העולם.

[ח] כמבואר בספר המצות להרמב״ם (מ״ע ב): **היא הצווי שצונו באמונת היחוד**, והוא שנאמין כי פועל המציאות וסבתו הראשונה אחד, והוא אומרו יתעלה שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד. וברוב המדרשות תמצאם יאמרו על מנת לייחד את שמי, על מנת לייחדני, ורבים כאלה. רוצים בזה המאמר, שהוא אמנם הוציאנו מן העבדות ועשה עמנו מה שעשה מן החסד והטוב, על מנת שנאמין היחוד, **כי אנחנו חייבים בזה**, והרבה מהם שיאמרו מצות יחוד ויקראו גם כן זאת המצוה מלכות שמים, כי הם יאמרו (משנה ברכות יג.) כדי לקבל עליו עול מלכות שמים, רצ״ל **להודות ביחוד, ולהאמינו**.

**ובסמ״ג** (מ״ע ב): מצות עשה להאמין ולשמוע - הוא הקבלה - שהוא אחד בשמים ובארץ ובארבע רוחות, שנאמר שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד. שְׁמַע כמו תקבל, וכן (דברי הימים ב' ו, כג) וְאַתָּה תִּשְׁמַע מִן הַשָּׁמַיִם וכו'. ○ ואין צורך כל כך להאריך, **כי כל ישראל תקועים באמונה חזקה, כי יוצר הכל הוא אחד מיוחד**, כמו שנאמר ה' אֶחָד, ונאמר (ד, לה) אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת וגו', ונאמר (שם, לט) וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ וגו', ונאמר (האזינו לב, לט) אֲנִי אֲנִי הוּא וְאֵין אֱלֹקִים עִמָּדִי, ובמקרא יש מקראות רבות כאלו.

ועיין גם בסמ״ק (מצוה ב) שכתב דהוא ציווי, אבל מסיים גם כפירוש רש״י וז״ל: **לייחד שמו של הקב״ה**, כדכתיב שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד. וזהו קבלת עול מלכות שמים וכו', יחיד הוא בשמים ובארץ ובז' רקיעים, וזהו רמז אל״ף וחי״ת שבאח״ד, וד' רמז לארבע רוחות העולם. **ולעתיד לבא יאמינו כל העולם שהוא אחד**, כדכתיב בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד, **פירוש שיאמינו הכל שהוא אחד ושמו אחד**. [ועיין עוד לעיל בהערה ד בשם הרמב״ן וספר החינוך].

[ט] היינו שמתרץ בדוחק ובדרך אפשר.

[י] **בגור אריה על רש״י** (שם): **הקשה הרא״ם, דאם כן עיקר קרא לא ביחוד איירי, אלא שהוא מודיע לנו שיהיה לבסוף אחד**. ואין הענין משמע כן, שהרי זהו יחודו של הקב״ה. ○ ואין דבריו קשיא כלל, **אדרבה זהו עיקר יחודו של הקב״ה, שבזה נראה אחדותו של הקב״ה, שהוא עתה אחד, שהרי לבסוף יהיה אחד לגמרי**, ומזה תראה שעתה מה שנתן כח לשרים ולמלאכים, שאינם גורעים כלל מיחודו של הקב״ה, לפי שהוא אינו רק דבר שהוא שאול להם לזמן, ולא יהיה לנצח, ולבסוף שישוב הכל אל אחדותו נראה שהוא אחד ברוך הוא, ומיוחד בפי הכל.

הגם ס׳איז טאַקע פאַרהאַנדן [אַ תירוץ] מ׳זאָל פאַרענטפערן, [ווי] די **גמרא** זאָגט[יא] [בהפסוק] **בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה׳ אֶחָד** (זכריה יד, ט), **אָטוּ הָאִידְנָא לַאו אֶחָד הוּא**, [והתירוץ הוא ווייל] נאָר נישט יעדער איז מוֹדֶה[יב] [בזמן הזה, מה שאין כן לעתיד לבא].

[אבער] וואָס דאַרף איך דאָס מַזְכִּיר זיין, אַז ס׳איז נאָר אֱלֹקֵינוּ. [והלא] דער אֱמֶת איז עס דאָך [אחדות הגמור גם עתה], אַזוי ווי דער **גור אריה** זאָגט. ס׳איז טאַקע אֱמֶת, נאָר [די קשיא איז] זאָל מען גראָד זאָגן [ה׳ אֶחָד], אַז דאָס איז דאָך אַ צִיווּי, מ׳איז דאָך מְחוּיָב יעדער איד צו זאָגן [און] מְיַחֵד זיין ה׳ אֶחָד, איז דאָך אַ צִיווּי, וואָס דאַרף מען דערציילן ה׳ אֱלֹקֵינוּ [ולא אלקי האומות] לכאורה.

לז

די **בעלי התוספות** זאָגט אַן אַנדערן פְּשַׁט[יג], זיי ווילן עפּעס זאָגן [כדי] אַז מ׳זאָל זיך נישט טועה זיין און מְיַחֵד זיין זייער׳ס, איבערדעם זאָג מיר אֱלֹקֵינוּ.

און פאַרוואָס זאָגט מען דריי מאָל [הזכרת השם, ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳], זאָגט ער גיט ער צו פאַרשטיין [דצריך ג׳ הזכרות כדי שלא ישתמע בענין אחר. ולדרך זה אתי שפיר דהכל איירי מענין הציווי של אמונת יחוד ה׳].

[אבער] ס׳איז אַן אַנדערער דֶרֶך, נישט אַזוי ווי די פְּשָׁטִים, ווי רש״י זאָגט. [וצריכין אנו ליישב הענין גם לפי פירוש רש״י. ולדרכינו יבואר להלן גם כוונת רש״י כעין דרך זה].

לח

**קושיא טז**

גם צריך ביאור למה הוצרך להקדים אומרו שְׁמַע יִשְׂרָאֵל.
והלא כל התורה כולה רק לישראל נאמרה, ומובן זה מאיליו

טז) וואָס איז [די הקדמה] שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, דאָס ברויך מען אויך צו פאַרשטיין.

נו מילא די גאַנצע תּוֹרָה האָט מען דאָך געזאָגט פאַר אידן, [ואם היה נכתב סתם היה גם כן מובן כי] יעדער איד איז מְחוּיָב מְיַחֵד זיין [את ה׳], ס׳איז אַ ציווי. וואָס דאַרף מען עפּעס דערציילן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, אידן זאָלן הערן, מ׳זאָגט עפּעס אַז אידן זאָלן הערן.

---

[יא] **בגמרא פסחים** (נ.): וְהָיָה ה׳ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה׳ אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד. **אטו האידנא לאו אֶחָד הוא**, אמר רבי אחא בר חנינא **לא כעולם הזה העולם הבא**, העולם הזה על בשורות טובות אומר בָּרוּךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, ועל בשורות רעות אומר בָּרוּךְ דַּיַּן הָאֱמֶת, **לעולם הבא כולו הטוב והמטיב** [פירש״י: שאין שם בשורה רעה]. ○ וּשְׁמוֹ אֶחָד, מאי אֶחָד, אטו האידנא לאו שמו אֶחָד הוא, אמר רב נחמן בר יצחק לא כעולם הזה העולם הבא, העולם הזה נכתב ביו״ד ה״י ונקרא באל״ף דל״ת, אבל לעולם הבא כולו וּשְׁמוֹ אֶחָד, נקרא ביו״ד ה״י ונכתב ביו״ד ה״י.

[יב] על דרך שביאר שם המהרש״א בתירוץ הגמרא, וז״ל: לעולם הבא כולו הטוב כו׳. הוא מבואר על פי מה שכתוב (איכה ג, לח) מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת וְהַטּוֹב, אמר רָעוֹת בלשון רבים, וְהַטּוֹב בלשון יחיד, לפי שהרעות יש בהם שינוים רבים לפי המקבלים, ולא כן הטוב הבא ממנו יתברך, הוא טוב אמיתי בלי שינוי, וז״ש מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת הבאים שינוי, נגד הַטּוֹב האמתי, **אבל הם באים בעולם הזה לפי המקבל, ואין אחדותו ניכר לפי שינוי המקבלים**, דעל בשורות טובות אמר הטוב שהוא הטוב אמתי שהוא הקב״ה הוא המטיב לכל, ועל בשורות רעות אמר ברוך דיין האמת, שאין הרע בא ממנו יתברך רק לפי אמיתת הדין לבא על המקבל. **אבל בעולם הבא יהיה ניכר אחדותו, שלא יהיה שינוי רע, רק כולו הטוב והמטיב.**

[יג] **בדעת זקנים לבעלי התוספות** (ו, ד): שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד. בלא שלשה הזכרות אי אפשר, שאם אמר שמע ישראל ה׳ אֶחָד, כל אומה ואומה אומרת על עכו״ם שלהם שהוא אחד. כשהוא אומר אֱלֹקֵינוּ, יודע שעל אלקי ישראל הוא מְדַבֵּר, ואם הָיִינוּ אומרים ה׳ אחד, משמע אלקינו אחד מן האלהות, וכל שכן אם היינו אומרים אֱלֹקֵינוּ אֶחָד. אבל כשאנו כופלים, הכי קאמרינן, ה׳ שהוא אדון שלנו, הוא אֶחָד באדנות, ואין עוד מלבדו.

**מ'דאַרף** [טאַקע] **צו שרייען געוואַלד ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד,** [אָבער] **פאַרוואָס שטייט** [הקדמת] **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל.**

לט

אמנם קושיא זו כבר תירצו במדרש, לפרש דאומרו שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הוא אמירה ליעקב אבינו ישראל סבא,
דבאים לומר לו כי אותו הדבר שציויתנו עדיין הוא נוהג בנו, כשם שאמרו השבטים ליעקב קודם הסתלקותו

**נאָר דער מדרש רבה שטעלט זיך** [שוין] **אויף דעם**[יד]**,** [און] **דער מדרש רבה זאָגט וואָס איז דער שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, זאָגט דער מדרש רבה אַז די זאַך שטאַמט פון יעקב אבינו.** [ושלכן אומרים בלחישה גם בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד, וכדרך שאמר יעקב].

– [און] **ס'איז דאָ דֵיעוֹת**[טו] [על אמירת בָּרוּךְ שֵׁם, אַז] **ס'שטאַמט פון מתן תורה, פון די מלאכי השרת.** –

**זאָגט דער מדרש אַזוי: ווייל ער האָט געזאָגט** [הקדמה זו] **כְּעֵין אַזוי ווי זיי האָבן געזאָגט** [ליעקב]**, ווי די שבטים האָבן געזאָגט פאַר יעקב אבינו.**

[וכמבואר עוד במדרש ובגמרא][טז] **אַז יעקב אבינו האָט געזאָגט, ער האָט זיך געפאָרכטן, טאָמער איז דאָ בְּבָנַי אַ פְּסוּל, ס'איז אַריינגעמישט, אַזוי ווי אַבְרָהָם שיצא ממנו יִשְׁמָעֵאל, און יִצְחָק שיצא ממנו עֵשָׂו. האָבן זיי אים געענטפערט, כְּשֵׁם שֶׁאֵין בְּלִבְּךָ אֶלָּא אֶחָד, כַּךְ אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד, אונז אַלע ווייס מיר אַז ס'איז איין באַשעפער. אויף דעם האָט ער געזאָגט בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד, אַזוי זאָגט ער. דעס איז דאָך אַ גמרא אויך**[טז]**, אַזוי זאָגט דאָרט די גמרא.**

---

[יד] **בדברים רבה** (ב, לה): דבר אחר שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, מהיכן זכו ישראל לקריאת שמע. משעה שנטה יעקב למיתה, קרא לכל השבטים ואמר להן שמא משאני נפטר מן העולם אתם משתחוים לאלוה אחר, מנין, שכך כתיב (ויחי מט, ב) הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב [וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם] וגו', מהו וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם, אמר להן קֵל יִשְׂרָאֵל אביכם הוא, אמרו לו שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, והוא אומר בלחישה בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד. אמר רבי לוי, ומה ישראל אומרים עכשיו, שְׁמַע אבינו יִשְׂרָאֵל, אותו הדבר שצויתנו נוהג בנו, ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד.

**ובבראשית רבה** (ויחי צח, ג): וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם וכו'. אלעזר בן אחוי אמר, מכאן זכו ישראל לקריאת שמע. בשעה שהיה יעקב אבינו נפטר מן העולם קרא לשנים עשר בניו, אמר להם שִׁמְעוּ קֵ-ל יִשְׂרָאֵל שבשמים אֲבִיכֶם [פירש בעץ יוסף: הכי פירושו, ושמעו שֶׁקֵ-ל יִשְׂרָאֵל שבשמים הוא אֲבִיכֶם ואין זולתו], שמא יש בלבבכם מחלוקת על הקב"ה. אמרו לו שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אבינו, כשם שאין בלבך מחלוקת על הקב"ה, כך אין בלבנו מחלוקת, אלא ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד. אף הוא פירש בשפתיו ואמר בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד. רבי ברכיה ורבי חלבו בשם רבי שמואל, הדא הוא שישראל משכימים ומעריבים בכל יום ואומרים שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אבינו ממערת המכפלה, אותו דבר שצויתנו עדיין הוא נוהג בנו, ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד.

[טו] **להלן שם בדברים רבה** (ב, לו): דבר אחר שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, רבנן אמרין, בשעה שעלה משה למרום, שמע למלאכי השרת שהיו אומרים להקב"ה בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד, והוריד אותה לישראל. ולמה אין ישראל אומרים אותו בפרהסיא, אמר רבי אסי, לְמַה הדבר דומה, לאחד שגנב קוזמין מתוך פלטין של מלך, נתנה לה לאשתו ואמר לה אל תתקשטי בה בפרהסיא, אלא בתוך ביתך. אבל ביום הכפורים שהן נקיים כמלאכי השרת, הן אומרים אותו בפרהסיא, בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד.

[טז] **בתנחומא ויחי** (סוף סימן ח): ומאותה שעה זכו ישראל 'להיות קורין' שמע. כיצד, כשהיה יעקב מסתלק מן העולם, הרהר בלבו ואמר, אברהם אבי הוליד יצחק וישמעאל, יצחק אבי הוליד אותי ועשו, שמא אני יש במטתי פסולת. כיון ששמעו כך אמרו כולן בפה אחד שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, הדא הוא דכתיב וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם.

**ובגמרא פסחים** (נו.): אמר רבי שמעון בן לקיש, וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם (ויחי שם, א). ביקש יעקב לְגַלּוֹת לבניו קֵץ הַיָּמִין [זמן קץ הגאולה], ונסתלקה ממנו שכינה. אמר, שמא חס ושלום יש במטתי פסול, כאברהם שיצא ממנו ישמעאל, וְאָבִי יצחק שיצא ממנו עֵשָׂו. אמרו לו בניו, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד [ופירש"י: שְׁמַע 'יִשְׂרָאֵל', לאביהם היו אומרים]. אמרו, כשם שאין בלבך אלא אחד, כך אין בלבנו אלא אחד. באותה שעה פתח יעקב אבינו ואמר בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד. ○ אמרי רבנן היכי נעביד, נאמרוהו [להאי בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ, בקריאת שמע], לא אָמְרוֹ משה רבינו. לא נאמרוהו, אָמְרוֹ יעקב. התקינו שיהו אומרים אותו בחשאי וכו'.

מ

נאָכדעם זאָגט דער מדרש[יד], אַז אונז זאָג מיר [אויך צו יעקב], דעם [שְׁמַע] 'יִשְׂרָאֵל' מיינט מען יִשְׂרָאֵל סָבָא, מ'זאָגט דאָס פאַר יעקב אבינו, שְׁמַע 'יִשְׂרָאֵל', זאָלסט הערן, דעס וואָס מ'האָב מיר געזאָגט [פאַר דיר] דעמאָלטס ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, אַזוי זאָג מיר נאָך היינט אויך, אַזוי ווי מ'האָט געזאָגט דעמאָלטס [די שבטים].

אַזוי זאָגט דער מדרש, דער שְׁמַע 'יִשְׂרָאֵל' גייט אַרויף אויף יִשְׂרָאֵל סָבָא, אויף יַעֲקֹב אָבִינוּ'ן.

מא

אמנם גם לפירוש המדרש אכתי צריך טעם, למה יש צורך להזכיר זאת ליעקב אבינו, ולמה לא סגי בלא זה

טז) [אמנם גם לפירוש המדרש אכתי צריך טעם] לכאורה וואָס דאַרף מען דאָס עפּעס דאָ מַזְכִּיר זיין שְׁמַע 'יִשְׂרָאֵל', [אַז] ער [יעקב] זאָל הערן.

ממה נפשך, יַעֲקֹב אָבִינוּ, אַז ער איז זוכה [מי שקורא שמע] אַז ער הערט[יד] [יעקב], הערט ער 'אָנעם זאָגן' [הקדמת שְׁמַע 'יִשְׂרָאֵל'].

וואָס דאַרף מען דאָס צו זאָגן [דעם] שְׁמַע 'יִשְׂרָאֵל'.

מב

קושיא יז

וכן צריך טעם גם לפירוש המדרש על מה הוצרכו לומר גם הלשון ה' אֱלֹקֵינוּ, ולא סגי לומר רק ה' אֶחָד.

והלא מצינו שהשבטים אמרו ליעקב הלשון כשם שאין בלבך אלא 'אחד', כך אין בלבנו אלא 'אחד'

יז) און אויך דער ה' אֱלֹקֵינוּ ברויך מען אַלץ פאַרשטיין [גם לפי דרשת המדרש, דהיה סגי לומר] שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֶחָד, וואָס דאַרף מען זאָגן [ה' אֱלֹקֵינוּ. והראיה דבזמן השבטים] דעמאָלטס האָט מען [אויך] געזאָגט ה' אֶחָד, ער שמועסט דאָך דאָרטן פון דעם [בגמרא ומדרש, שהם אמרו] כְּשֵׁם שֶׁאֵין בִּלְבָבְךָ אֶלָּא אֶחָד, כַּךְ אֵין בִּלְבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד, אַזוי ווי ס'שטייט דאָרט.

איז דאָך ווייטער, דער [לשון] ה' אֱלֹקֵינוּ ברויך אַלץ נאָך פְּשַׁט.

מג

קושיא יח – מתוך הדרוש

יח) [גם יש להבין בהלשון שאמרו השבטים ליעקב כְּשֵׁם שֶׁאֵין בִּלְבָבְךָ אֶלָּא אֶחָד כַּךְ אֵין בִּלְבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד. דלכאורה למה הוצרכו להקדים הקדמה זו "כְּשֵׁם שֶׁאֵין בִּלְבָבְךָ" וכו', ולא היה סגי באומרם סתם "אֵין בִּלְבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד"]. (הקושיא בדברי רבינו בארוכה, באות עד)

---

[יד] וראוי להעתיק בכאן מלשון רבינו בסוף ס"ג ויחי תשכ"ז (לשון קדשו קונטרס רסד ח"ב, אות קנב-קנד) וז"ל: יַעֲקֹב אָבִינוּ לֹא מֵת, [כדכתיב] וְזַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם (ירמי' ל, י), זאָגט די גמרא (תענית ה:) מקיש הוא לזרעו, [מה זרעו בחיים אף הוא בחיים]. [און אַז ס'איז] אַ הֶיקֵּשׁ, [איז דאָך עס] אֵין הֶיקֵּשׁ לְמֶחֱצָה (כריתות כב:), מוז דאָך זיין אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געבליבן [בחיים חיותו ממש] בְּגָלוּת. ○ [און] מ'זעט דאָך אין די מדרשים אויך אַזוי (בפסיקתא רבתי פרשה מא, ואיכה רבה ב ז, ובמדרש תהלים מזמור יד), [אויפן פסוק] יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל (תהלים יד, ז), אַז יעקב שפּירט מער דעם צַעַר [הגלות] פון אַלע אָבוֹת, און ס'וועט זיין מער שִׂמְחָה ביי די גְאוּלָה [פאַר יעקב] ווייל ער איז 'מיט' אין גָלוּת מיט אידן. [ומזה משמע גם כן שהוא נמצא בגלות עם ישראל יותר משאר האבות, והוא מתאים לההיקש שדרשו בגמרא בפסוק] וְזַרְעֲךָ מֵאֶרֶץ שִׁבְיָם [דכשם שזרעו הם בחיים בארץ שבים, כך יעקב הוא בחיים עמהם שם]. ○ אויף 'וואָס פאַר אַן אוֹפֶן' ער איז מיט, דאָס פאַרשטיי מיר נישט, דאָס שטייט נישט. מִי יוֹדֵעַ, אפשר גאָר טאַקע בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ. מִי יוֹדֵעַ, אַז מ'העט גאָר געוואוסט [בחינתו ומקומו], אפשר העט מען גאָר געקאָנט זיך אויסרעדן דאָס האַרץ! מ'העט זיך גאָר געקאָנט בעטן! מ'העט געקאָנט עפּעס זוֹכֶה זיין. ○ נאָר ס'איז דאָך אַ גרויסער הֶסְתֵּר.

KolSatmar.com

מח

# הקדמה לישוב הקושיות בפרשת קְרִיאַת שְׁמַע

## בביאור הפסוקים בפרשת דברים

בפרשת דברים: ה׳ אֱלֹקֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם וגו׳, ה׳ אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים וגו׳

דאָס ענין דערפון, מ׳זאָל צוקומען צום ענין [ליישב הדקדוקים בפרשת קריאת שמע, יש לומר בהקדם וואָס] מ׳קאָן זאָגן דעם פְּשַׁט [אין דעם] וואָס ס׳שטייט יענע וואָכעדיגע סדרה (פרשת דברים), **ה׳ אֱלֹקֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם וְהִנְּכֶם הַיּוֹם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב, ה׳ אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם.**

מט

### קושיא בפרשת דברים

ויש להבין שינוי הלשון, דבפסוק ראשון הזכיר ה׳ אֱלֹקֵיכֶם, ובפסוק שני אמר ה׳ אֱלֹקֵי ׳אֲבוֹתֵכֶם׳

קודם [בפסוק ראשון] איז נאָך גענוג [געווען צו זאגן] **ה׳ אֱלֹקֵיכֶם, ׳ענקער׳ באַשעפער.** [ובפסוק השני] שפּעטער שטייט שוין נאָכאַמאָל [ווען] ער האָט געזאָגט די ברכה, האָט ער שוין געזאָגט [ה׳] **אֱלֹקֵי ׳אֲבוֹתֵיכֶם׳**, ער איז דער באַשעפער פון ׳ענקערע עלטערן׳.

[ויש להבין] וואָס איז דער חילוק. ס׳איז דאָך ביידע אֱמֶת וְיַצִּיב, [וכמו שאומרים בתפלה] **אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ**, [איז פאַרוואָס] אין דער ערשטער בְּרָכָה האָט ער געזאָגט [און נאר] מַזְכִּיר געווען **אֱלֹקֵיכֶם**, און היצט [איז ער מזכיר] **אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵיכֶם.**

נ

### התחלת ישוב הקושיא בפרשת דברים

איתא בספרים בטעם שמזכירין תואר ״אֱלֹקֵי״ על כל אחד מהאבות בפני עצמו, דהוא מורה על שכל אחד עבד את ה׳ במדה המיוחדת לו, כל אחד לפי מדתו, אף שכל המדות יסודם אחד לעבוד את ה׳ אחד

[נאָר] קען זיין, [בהקדם וואָס] ס׳שטייט דאָך[יח] פאַרוואָס מ׳זאָגט[יט] **אֱלֹקֵי אַבְרָהָם ׳אֱלֹקֵי׳ יִצְחָק ׳וֵאלֹקֵי׳ יַעֲקֹב**, פאַרוואָס זאָגט מען נאָכאַמאָל דעם שֵׁם [אֱלֹקֵי], מ׳האָט געקאָנט זאָגן אויפאַמאָל **אֱלֹקֵי ׳אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב׳**, פאַרוואָס זאָגט מען עקסטער.

[נאָר] ווייל יעדער [פון די אבות הק׳] האָט געדינט דעם באַשעפער אויף אַן אַנדערע מִדָּה, מיט אַן אַנדערע בְּחִינָה.

אברהם אבינו האָט מְקַרֵב געווען אֶת הַבְּרִיּוֹת [לאמונת ה׳, און] ס׳איז ידוע מִדַּת הַחֶסֶד [איז] זיין מִדָּה, מיט אַזאַ מאָדע דַּעַת [און] מיט אַזאַ מַדְרֵגָה האָט ער געטון דעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, ׳דאָס׳ איז געווען זיין עֲבוֹדָה.

יצחק אבינו איז געווען אַן אַנדערע בחינה [מדת גבורה] כידוע, ער האָט געטון דעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא ער האָט געדינט דעם באַשעפער אויף אַן אַנדערע בחינה.

**[ויעקב אבינו עבד את ה׳ במדת תפארת].**

---

[יח] כן מובא בכמה ספרים, ומהם **בייטב פנים** (לסוכות, אות לד): כי ידוע מה שנאמר **אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב** (שמות ג, ו), **כי כל אחד עבד עבודה מחודשת**, אברהם בבחינת חסד ואהבה וכו׳, יצחק בבחינת גבורה ופחד, יַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב ׳אֹהָלִים׳ (תולדות כה, כז), חסד וגבורה, מדת קו האמצעי, בחינת דעת המכריע הכלול משניהן. - ועיין גם **בייטב פנים** בדרושי קהלת (ד״ה אני הנה הגדלתי) **ובייטב לב פרשת ויצא** (באמצע אות ו). [וע״ע קרוב לזה בשו״ת פנים מאירות (א, לט), ובבעל שם טוב עה״ת (ויצא, אות ו-ז), עיי״ש לפי דרכם].

[ורבינו כבר הזכיר בחינה זו גם **בס״ג פינחס תשכ״ז** (לשון קדשו קונטרס רמו ח״ג, אות קפו). וכן בכמה דרושים הזכיר זה, וכמו שציינו שם].

[יט] **בברכה ראשונה דתפילת י״ח. וכן הוא בפסוק** (שמות ג, ו טו. ד, ה).

[איבערדעם] זאָגט מען ביי יעדן עקסטער אֱלֹקֵי, [ווייל] יעדער האָט געדינט דעם אייבירשטען אויף אַן אַנדערע בחינה, מיט אַן אַנדער גאַטונג דַּעַת.

נא

אַלעס איז געווען כּוּלוֹ קוֹדֶשׁ, ס׳האָט אַלעס געברויכט צו זיין [שכל המדות כלולים מכולם, וכולם היה בהם כל המדות קדושות לעבודת ה׳. אָבער] ווייל ס׳איז יעדער געווען אויף אַן אַנדערע בחינה [דכל אחד היה לו מדה אחרת שבזה היה אצלו עיקר העבודה, ושאר המדות היו נכללים באותה מדה, לכן] זאָגט מען נאָכאַמאָל [אֱלֹקֵי].

נב

והנה כמו כן בדור של צדיקים העובדים את ה׳, הרי כל אחד משיג לעבוד את ה׳ לפי בחינתו והשגתו, לפי שורש נשמותיהם. אבל בדור של שכחת התורה שמעוותים את התורה, אז אין לעבוד את ה׳ לפי השגת אותו הדור, רק לפי העבודה וההשגה של דורות הקודמים, ולהתבונן בכל עבודה האיך היה בזה דרך אבותינו ורבותינו

אָבער על כל פנים, אין אַ ׳דוֹר׳ וואָס ס׳איז צַדִּיקִים [הכלליות הדור], מ׳גייט אין גראָדן וועג אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, [און] מ׳מיינט דעם אֱמֶת, קאָן מען דינען דעם באַשעפער מיטן דַּעַת וואָס דער בורא כל עולמים איז חוֹנֵן דַּעַת [לאנשי הדור, האיך לעובדו לפי מדתם. ועל זה שייך הבחינה של התואר ׳אֱלֹקֵיכֶם׳, ששייך לייחד שמו על הדור עצמו לפי מדתם בקודש].

אָבער אַז ס׳איז אין די לופט פונעם דוֹר [יש נסיונות והשפעות זרות] אַז מ׳קאָן חלילה מְעַקֵּם זיין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה [הרי אָז צריכין לעבוד רק על דעת האבות הקדושים, ולכן בדור כזה שייך לומר התואר ׳אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵיכֶם׳]. (המשך וסיום הענין, באות סט-עב)

נג

[קושיא י]

ברש״י: אם תעוותו אותם מתוך שכחה, תחשבו ׳שוטים׳

[ווי] ס׳שטייט [בפרשתן, וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם] כִּי הִיא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים [וגו׳, רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים וגו׳].

זאָגט רש״י[כ], אַז עטס וועטס האַלטן די תּוֹרָה ווי ס׳קער צו זיין, וועט עטס זיין חֲכָמִים וּנְבֹנִים. און טאָמער איז תְּעַוְּתוּ, עטס וועט פאַרקרומען די תּוֹרָה, אַנדערש ווי עס איז, תֵּחָשְׁבוּ שׁוֹטִים, וועט עטס זיין שׁוֹטִים.

אַזוי זאָגט רש״י.

נד

ויש להבין דהלא אם מעוותים התורה, הרי הם בגדר ׳רשעים׳, ולא רק בגדר ׳שוטים׳

[ולכאורה] וואָס הייסט [תֵּחָשְׁבוּ] ׳שׁוֹטִים׳ [דייקא, והלא] אַז מ׳פאַרקרומט די תּוֹרָה חס ושלום, קאָן מען זיין [להחשב] ׳רְשָׁעִים׳ אויך, [ולא רק ׳שוטים׳].

נה

ישוב קושיא י (באופן ראשון)

ובפשטות יש לומר, דהכוונה על דרך שאמרו אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות

[נאָר] קען זיין אַמאָל, ווייל אֵין אָדָם חוֹטֵא אֶלָּא אִם נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת (סוטה ג.), [וזה שרצה להודיע בכאן, כי באמת] ס׳איז אַ שְׁטוּת, ס׳איז אַ נאַרישקייט. [ואפילו בדברים הנדמים כדברי ערמומיות וחכמה].

---

[כ] ברש״י בפרשתן (ד, ו. ד, י). והובא לשונו לעיל באות כא.

נו

**ישוב קושיא י (באופן שני)**

אבל יש לומר עוד, דיש בזה נבואה על דור האחרון, דבא הכתוב לחזק את יראי ה' כשיהיו בדור שמתקיים בו מה שאמרו דבעיקבא דמשיחא סָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל על הבריות, דלפי מצב הנסיונות נחשב מי שהולך בדרך האמת כמשוגע ושוטה בעיני הדור

**אָדער אפשר, דער רוח הקודש האָט געוויזן** [בפסוק זה, על חיזוק נגד הנסיונות שעתידין להיות בדור האחרון]**, אַז ס'וועט זיין אַמאָל** [אַ דור וואָס ס'וועט זיין] **סָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל על הבריות**[כא]**. אַ 'סָר מֵרָע' וועט זיין אַ מְשׁוּגָע'נער, מִשְׁתּוֹלֵל על הבריות,** [ווייל ער וועט מוזן זיין] **'פאַרקערט פון די וועלט', מ'וועט זיין מִשְׁתּוֹלֵל** [בפי הבריות]**, פאַרקערט פונעם דַּעַת** [אנשי הדור]**.**

נז

והתורה בכמה מקומות, באה להזהיר נגד הנסיונות השולטים בדור, שלא לתעות אחרי רוב העולם, וכמו שמבאר הרמב"ם

[און] **געוויינטליך, דעס וואָס מ'האָט מוֹרָא פאַרן 'דוֹר'** [התועים מן האמת, ויש לחוש שמא ימשכו הכשרים אחרי זרם הדור] **- ווי דער רמב"ם זאָגט**[כב] **- דעס האָט די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה געוואָלט באַוואָרענען.** (וכדלהלן באות נט)**.**

נח

[וכמו כן הוא הכוונה בכאן, דעס] **וואָס ס'שטייט כִּי הִיא חָכְמַתְכֶם.**

[דלכאורה הרי אליבא דאמת] **וואָס אַ נפקא מינה** [לאמיתות העבודה] **צי מ'הייסט אַ חָכָם** [צי נישט. והלא אמרו חז"ל]**[כג] מוטב שיהיה שׁוֹטֶה כל ימיו, ואל יהי רָשָׁע לפני המקום שעה אחת. וואָס האָט ער עקסטער געוואָרנט תֵּחָשְׁבוּ שׁוֹטִים, דער עיקר איז מ'זאָל נישט זיין קיין רָשָׁע.**

[נאָר] **ווייל 'דאָס' איז דער נִסָּיוֹן פאַר דער וועלט, סָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל.**

נט

**דער רמב"ם זאָגט**[כד]**, פאַרדעם זאָגט מען הַצְלָחוֹת** [וברכות] **אין די תּוֹרָה** [וכן להיפוך בפרטי דברי התוכחות]**. ווייל מ'איז 'נאָכגעגאַנגען'** [וטעו] **נאָך דער עבודה זרה דורכן**

---

[כא] **כמבואר בגמרא סנהדרין** (צז.)**: תניא רבי יהודה אומר, דור שבן דוד בא בו וכו', חכמת הסופרים תסרח, ויראי חטא ימאסו וכו', והאמת נעדרת, שנאמר** (ישעי' נט, טו) **וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל וכו'. מאי וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל, אמרי דבי רבי שילא כל מי שסר מרע משתולל על הבריות** [פירש"י: כל העולם אומרין עליו שוטה הוא, היינו מִשְׁתּוֹלֵל, לשון שטות, כמו מוֹלִיךְ יוֹעֲצִים שׁוֹלָל (איוב יב, יז)].

[כב] **בספר המורה חלק שלישי** (בכמה פרקים)**, עיין שם באורך שמבאר בטעם רוב האזהרות שבתורה, שהוא להרחיק עצמן ממה שתעו אנשי העולם, בעבודה זרה וכישוף וכדומה.** [ועיין גם להלן בהערה כד].

[כג] **במשנה עדיות** (ה, ו)**: עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל הֵעִיד אַרְבָּעָה דְבָרִים. אָמְרוּ לוֹ, עֲקַבְיָא, חֲזוֹר בְּךָ בְּאַרְבָּעָה דְּבָרִים שֶׁהָיִיתָ אוֹמֵר, וְנַעַשְׂךָ אַב בֵּית דִּין לְיִשְׂרָאֵל. אָמַר לָהֶן, מוּטָב לִי לְהִקָּרֵא שׁוֹטֶה כָּל יָמַי, וְלֹא לֵעָשׂוֹת שָׁעָה אַחַת רָשָׁע לִפְנֵי הַמָּקוֹם, שֶׁלֹּא יִהְיוּ אוֹמְרִים, בִּשְׁבִיל שְׂרָרָה חָזַר בּוֹ.**

[כד] **בספר המורה חלק שלישי** (פרק לז)**: ואחר זאת ההקדמה אשר תתבאר לך וכו' שכבר הודעתיך לך, שמע דְּבָרַי.** אחרי שכוונת התורה כולה וְקֻטְבָּהּ אשר עליו תְּסוֹב, הוא הסרת 'עֲבוֹדָה זָרָה' וּמְחוֹת זִכְרָהּ, ושלא יחשב בכוכב מן הכוכבים שהוא מזיק או מועיל בדבר מאלו הענינים הנמצאים לבני אדם, שזה הדעת הוא המביא לעבדם, התחייב שיהרג כל מכשף. כי המכשף הוא עובד עבודה זרה בלא ספק, אבל בדרכים מיוחדים זרים, בלתי דרכי עבודת ההמון לאלוהות ההם וכו'. ○ וכאשר היו המכשפים חושבים בכשופיהם שהם עושים מעשה, ושהם בפעולות ההם מגרשים החיות הרעות מן העיירות, כאריות והנחשים וכיוצא בהם, ויחשבו גם כן שהם בכשופיהם ידחו מיני נזקים מצמח האדמה, כמו שתמצא להם פעולות שיחשבו שהם ימנעו רדת הברד, ופעולות יהרגו התולעת מן הכרמים עד שלא תפסידם, וכן יחשבו שיש להם פעולות ימנעו נפילת עלי האילן ונשירת הפרי. מפני אלו הענינים המפורסמים אָז, כָּלַל ב'דברי הבְּרִית', שבעבודת עבודה זרה ומעשי הכשוף

KolSatmar.com

**תּוֹעֶלֶת** [שאמרו המתעים אחריה, ולכן] **האָט די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה געוואָלט זאָגן** [אז מ'זאל וויסן] **אַז ס'איז נישטאָ קיין תּוֹעֶלֶת פון 'דאָרטן', נאָר פון אִידִישְׁקֵייט, פון תּוֹרָה וּמִצְוֹת.**

ס

ועל כן גם בפסוק זה באה התורה לחזק שלא להתפעל מזרם העולם ונסיונות הדור, כי האמת יתגלה לבסוף לעיני כל, כי אותן שהם סר מרע והולכים בדרך האמת, הם 'החכמים' האמיתיים, ואותן המעוותים את התורה יתגלה שהם הם 'השוטים'

[איבערדעם אויף] **דעמאָלטס ווען ס'וועט זיין נִסְיוֹנוֹת** [כאלו בדור האחרון, שהם יגרמו כי] **מ'זאָל נישט זיין אַ סָר מֵרָע** [כדי שלא להיות נחשב] **'מִשְׁתּוֹלֵל' עַל הַבְּרִיּוֹת.**

[אויף דעם] **זאָגט דער פָּסוּק ניין,** [דאף שעתה ישנם נסיונות כאלו לפי עיני בשר, אבל הסוף יהיה] **ס'וועט נִתְגַּלֶּה ווערן דער אֱמֶת, און ד'** [הסרים מרע] **וועלן זיין די 'חֲכָמִים', די וואָס זענען געגאַנגען מיטן גראָדן וועג.**

**און יענע זענען די 'שׁוֹטִים', אִם תְּעַוְּתוּ אֶת הַתּוֹרָה.**

סא

**המשך ישוב הקושיא בפרשת דברים**

**יהיה איך שיהיה, אַזוי זענען די דוֹרוֹת, דּוֹר דּוֹרוֹת**[כה]**, ס'ווערט נִתְמַעֵט** [הדעת במשך הדורות, און] **מ'באַקומט נישט צי קיין דַּעַת.** [וזה גורם כובד הנסיונות שבדור האחרון, אבל צריכין לידע האמת ולהתחזק שלא להתפעל מזרם העולם. והעצה להתבונן בדעת אבותינו שבדורות הקודמים, והאיך שעבדו הם את ה']. (המשך וסיום הענין, באות סט-עב)

סב

**עוד הקדמה להמשך ישוב הקושיא בפרשת דברים**

**והקדמה לישוב קושיא טו וקושיא יז שבפרשתן**

גם העובדי העבודה זרה היו צועקים שכוונתם עבור כבוד ה', כי האמינו בסיבה ראשונה, אלא שאמרו שאין כבודו להשגיח בתחתונים השפלים, ושלכן מסר הנהגת העולם לצבא השמים, ולכן הוא שעובדים לצבא השמים

**דער אֱמֶת, אפילו די עובדי עבודה זרה האָבן דאָך אויכעט 'געזאָגט' אַז זיי טוען – ברענגען דאָך אַלע אַזוי**[כו] **– אַז זיי טוען פאַרן אייבירשטענס כָּבוֹד** [כי הם טעו לומר שאין כבודו להשגיח בתחתונים השפלים, ושמסר הנהגת העולם התחתון לשרים עליונים וצבא השמים].

**טאַקע וועגן כְּבוֹדוֹ.** [ועל זה נאמר] **וַיָּמִירוּ אֶת 'כְּבוֹדָם'**[כז] (תהלים קו, כ).

סג

אלא שבאמת היה זה ניאוץ ה', וכמו שמפרש בספר העיקרים את הפסוק אֲשֶׁר יֹמְרוּךָ לִמְזִמָּה, כי הם חשבו לרומם ולגדל שם ה', באומרם שאין כבודו להשגיח בתחתונים, אבל באמת הוא לִמְזִמָּה, שבזה אדרבה הם מכעיסים את ה'

**אַזוי שטייט דאָך דער פְּשַׁט** [בפסוק] **אֲשֶׁר 'יֹמְרוּךָ' לִמְזִמָּה** (שם קלט, כ)**, ווי דער**

---

ההם אשר תחשבו שירחיקו מכם אלו הנזקים, בהם יחולו הצרות ההם בכם. אמר (בחקותי כו, כב) וְהִשְׁלַחְתִּי בָכֶם אֶת חַיַּת הַשָּׂדֶה וְשִׁכְּלָה אֶתְכֶם, ואמר (האזינו לב, כד) וְשֶׁן בְּהֵמֹת אֲשַׁלַּח בָּם, עִם חֲמַת זֹחֲלֵי עָפָר, ואמר (תבוא כח, מב) פְּרִי אַדְמָתֶךָ יְיָרֵשׁ הַצְּלָצַל וכו'. ○ עיקר הענין, שֶׁכָּל מה שהתחכמו בו עובדי עבודה זרה לחזק עבודתה ולהעמידה לעד, ומביא בני אדם לחשוב שהם דוחים נזקים ידועים ומביאים תועלות מיוחדות, כָּלַל ב'דברי הברית' ואמר שבעבודתה ימנעו התועלות ויחולו הצרות ההם. הנה התבאר לך אתה המעיין לְמַה כוונה התורה לאותם פרטי הקללות והברכות הנכללות ב'דברי הברית', ויחדתם מזולתם וכו'.

[כה] פירוש: דורות אחר דורות.

[כו] עיין בזה באורך ברמב"ם (ריש הל' עבודה זרה), וברמב"ן יתרו (כ, ג).

[כז] כמו שהביא רבינו בהקדמת על הגאולה ועה"ת, בשם הרמב"ן. והובא לשונו להלן בהערה לג.

KolSatmar.com

**עקרים זאָגט**[כח]**, אַז זיי ׳הייבן אויף׳ דעם באַשעפער**[כט]**,** [ואומרים] **דער בורא כל עולמים איז אַזוי גרויס,** [ולכן] **אין כבודו להשגיח בתחתונים, און ער קען גאָרנישט זען וואָס דאָ טוט זיך.** [אבל הוא לְמְזִמָּה, שאין הדבר כן, אלא הקב״ה בעצמו משגיח אף בתחתונים].

סד

**דאָס איז דאָך געווען דעמאָלטס**[ל] **אַלע עבודה זרה׳ס.**

**אפילו די אומות העולם האָבן דאָך אויך גערופן** [את הקב״ה] **אֱלָקָא דֶאֱלָקַיָּא, אַזוי שטייט דאָך**[לא]**.** [והיינו אַז] **זיי זענען מוֹדֶה בְּסִבָּה רִאשׁוֹנָה** [שהוא הקב״ה]**, נאָר זיי זאָגן מ׳האָט עס איבערגעגעבן** [השגחת התחתונים לשרי מעלה]**.**

**די גמרא זאָגט דאָך אַזוי**[לא]**.**

סה

**נאָר שפּעטער איז שוין געווען** [אַזעלכע] **וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען גאָרנישט**[כי]**,** [און] **זיי האָבן געמיינט** [כאילו] **׳דאָס׳ איז עס.**

**אָבער די אַלע, דער מקור פון אַלע עבודה זרה׳ס** [האיך שהתחיל להשתלשל טעות זה בבני אדם]**, זענען דאָך געווען ׳דאָס׳ דער מקור, אַז ס׳איז אויך פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם.**

סו

וכן רואים כהיום, כי גם הנתעים אחרי המסידים ומדיחים בפירצות הדור, רוממות
שם שמים בפיהם, וטוען לומר שעושין בזה כבוד שמים, אף שהוא באמת ההיפוך מזה

**אַלעס טוט פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם,** [ואפילו] **אַלע עֲבֵירוֹת, אַלעס גייט פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם.**

**אַזוי ווי מ׳זעט היינט** [אויך] **בעונותינו הרבים.**

סז

[אויף] **דאָס עֵגֶל האָט מען געזאָגט** [כאילו] **אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ**[לב]**, האָט מען אויך געמיינט דעם אייבירשטען, ווי דער רמב״ן זאָגט, -** [ווי] **איך האָב שוין געשריבן באריכות**[לג]**, - נאָר מ׳האָט געזאָגט** [אַז] **ס׳איז דורכן עֵגֶל.**

---

[כח] **בספר העקרים** (מאמר ג, פרק יח): ויש וכו׳ טועין אחר עבודת אלילים מצד אחר יותר עמוק, וזה כי הם סוברים כדברי קצת הפילוסופים האומרים עזב ה׳ את הארץ, ועם היותם מאמינים מציאות ה׳ ואחדותו, ושאינו גוף ולא כח בגוף, יאמינו שאין לה׳ השגחה בעולם השפל כלל, ויחשבו [כי] זה רוממות בחק ה׳, שלא ישגיח במין האדם, להיות האדם פחות נבזה ומאוס בעיניו, ויחשבו זה מעלה אל ה׳ ורוממות בחוקו, שלא ישגיח בדבר הפחות, כי יאמרו שהסכלות בדברים הגרועים טוב מהשגחתם וכו׳. **ועל כיוצא בזה אמר דוד אֲשֶׁר יֹמְרוּךָ לִמְזִמָּה, כלומר הם מרוממים ומנשאים אותך, והרוממות והעילוי שמייחסים אליך הוא לִמְזִמָּה, ולאמר שאינך משגיח בפרטים וכו׳.**

[כט] **ולשון אֲשֶׁר יֹמְרוּךָ, הוא מלשון אֶת ה׳ הֶאֱמַרְתָּ** (תבוא כו, יז). **וכן מפרש שם במצודות ציון. ועיין שם ברד״ק שתיבת יֹמְרוּךָ הוא בחסרון אל״ף.**

[ל] בימי דור אנוש, ושאר דורות הראשונים של עובדי עבודה זרה, כמבואר ברמב״ם ורמב״ן שם.

[לא] **בגמרא מנחות** (קי.): אמר רבי אבא בר רב יצחק אמר רב חסדא, ואמרי לה אמר רב יהודה אמר רב, מצור ועד קרטיגני, מכירין את ישראל [פירש״י: בכבודן הראשון מכירין, ואין מכבידין עוֹלָם] ואת אביהם שבשמים [שמאמינים בהקב״ה, ואין מאמינים בעבודת כוכבים], ומצור כלפי מערב ומקרטיגני כלפי מזרח, אין מכירין את ישראל ולא את אביהן שבשמים. איתיביה רב שימי בר חייא לרב, מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ וְעַד מְבוֹאוֹ גָּדוֹל שְׁמִי בַּגּוֹיִם וּבְכָל מָקוֹם מֻקְטָר מֻגָּשׁ לִשְׁמִי וּמִנְחָה טְהוֹרָה (מלאכי א, יא). אמר ליה שימי אַתְּ [בתמיה, אתה הוא שימי חכם גדול, ומקשה לי דבר זה], **דְּקָרוּ ליה אלקא דאלקא.**

[לב] שאמרו עליו אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם (תשא לב, ד).

[לג] **בהקדמת קונטרס על הגאולה ועל התמורה** [שרבינו חתם עליה ביום ג׳ פינחס תשכ״ז]. **וז״ל רבינו שם בתוה״ד:** והנראה ביאור הדברים בזה, כי כבר כתבו **כל הראשונים ז״ל כי לא חשבו ישראל העגל לשם עבודה זרה כלל,**

סח

**על כל פנים ׳אַלדינגס׳** [גם הפירצות] **האָט געטון** [כאילו] **פאַרן באַשעפער.**

**אַזוי ווי מ׳זעט בעונינו הרבים בְּדוֹרוֹתֵינוּ אֵלֶּה, די פִּרְצוֹת נוֹרָאוֹת,** [און אויף דעם] **זאָגט מען** [אויך] **אַז ס׳איז פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם.**

[ואומרים אף על דברים כאלו הגורמים] **מ׳זאָל שטאַרקן דעם כֹּחַ הַמִּינוּת, מיטן כֹּחַ הַכְּפִירָה,** [שאומרים כאילו נעשה להרשעים נסים והצלחות מן השמים לעוזרים, אף שזה מביא וגורם] **מ׳זאָל נאָכגיין נאָך די וואָס זיי האָבן ׳אַריינגעברענגט דאָס גאַנצע מִינוּת׳ אויף דער וועלט** [און] **׳אַראָפּגעפירט אידן׳ פונעם אֱמֶת** [און] **פון די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דערציילט מען** [אויף זיי] **נסים ונפלאות, און** [מ׳זאָגט אַז] **מ׳דערציילט גאָר כְּבוֹד השם יתברך,** – [ועל כיוצא בזה מתאונן הכתוב][לד] **לֹא הִשְׂכִּילוּ ׳נִפְלְאוֹתֶיךָ׳,** – **און מ׳שטעלט גאָר אַריין אין ׳דעם׳** [כאילו יש בזה משום כבוד שמים], **און מ׳זאָגט גאָר אַז ׳דאָס׳ איז גאָר אַ כְּבוֹד אֱלֹקִי, און** [אַז] **מ׳טוט דאָס ׳פאַרן אייבירשטענס וועגן׳.**

[וכעין] **אַזוי ווי ס׳איז געווען ׳פאַרצייטנס׳** [ביי] **די אַלע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס.**

סט

אבל העצה להבחין האמת בזמן שיש נסיונות הדור כאלו, הוא שלא להביט אחרי דעת אותו הדור, אלא אחרי דעת תורתם של דורות אבותינו, לידע ולהתבונן מה היה דעתם, והאיך עבדו הם את ה׳ ומסרו נפשם עבור כבוד שמים

[והעצה היעוצה היא, כי] **אין אַזאַ דוֹר מוז מען קוקן ׳וואָס׳ האָבן אונזערע ׳עלטערן׳ געזאָגט, קאָן מען נישט זאָגן** [לעבוד את ה׳ לפי הדעת וההשגה של אותו הדור (וכדלעיל באות נ-נב)], **קאָן מען נישט גיין נאָך זייער דַעַת** [של אותו הדור], **מ׳קאָן נישט זאָגן ׳אֱלֹקֵיכֶם׳,** [נאָר] **מ׳מוז וויסן אֱלֹקֵי ׳אֲבוֹתֵינוּ׳, וויאַזוי זעט אויס** [עבודת ואמונת אבותינו], **וויאַזוי האָבן ׳זיי׳ געדינט דעם באַשעפער, וואָס איז ׳זייער׳ מיינונג געווען, וואָס איז ׳זייער׳ דַעַת** [געווען].

ע

**הגם מ׳פאַרקרומט ׳דאָס׳ אויכעט** [גם דבריהם של דורות הקודמים], **אָבער על כל פנים**

---

אלא רצו להורדת איזה כח להיות להם מנהיג ומורה דרך במקום ׳משה׳ וכו׳. וְכָפַל זה הרמב״ן ז״ל שני פעמים. וכתב תחלה בפסוק (תשא לב, א) אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ [כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ וגו׳ לֹא יָדַעְנוּ מֶה הָיָה לוֹ], שזה [הפסוק] מַפְתֵּחַ לדעת ענין העגל ומחשבת עושיו, כי בידוע שלא היו ישראל סבורים שמשה הוא האלקים, אלא היו מבקשים מוֹרֶה דֶּרֶךְ ׳כמשה׳, להורות להם הדרך ילכו בה. וכתב אחר כך שכן היה הדבר, כי כיון שראו העם את משה, מיד הניחו את העגל ובעטו בו, שהניחו לו לשורפו וְלִזְרוֹת עֲפָרוֹ, ולא היה מהם חולק עליו כלל. ואלו היה להם לאלקים, אין דרך שיניח אדם מלכו ואלקיו לשריפת אש, הן ישרף את תועבותם לעיניהם ולא יסקלוהו, והאריך עוד בזה יעויין שם וכו׳. וכתב עוד על הכתוב (שם לב, ד) אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל, שגם זה הכתוב יורה אותך כי אין טיפש בעולם שיחשוב כי הזהב הזה אשר היה באזניהם הוא אשר הוציאם ממצרים, אבל אמרו כי ׳כח׳ הצורה הזאת הֶעֱלָם משם, ומודים במי שאמר (יתרו כ, ב) אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם. וזהו שנאמר וַיָּמִירוּ אֶת כְּבוֹדָם בְּתַבְנִית שׁוֹר אֹכֵל עֵשֶׂב. אלה תוכן דבריו, יעויין שם וכו׳. ○ הנה רואים בזה דעתו ז״ל בביאור הכתוב וַיָּמִירוּ אֶת כְּבוֹדָם, שלא המירו ח״ו את עצם אלקותו יתברך, כלל וכלל לא, אלא המירו את ׳הכבוד׳, כי לפי דעתם נתנו כבוד להשי״ת באמרם ׳אֵלֶּה אֱלֹקֶיךָ׳, כי היה כוונתם על השי״ת שהוציאם ממצרים, וחשבו שנתנו בזה כבוד ושבח להשי״ת. אבל כיון שנתערב בזה כוונה לאמצעות הצורה שבעגל, נתחלף הכבוד שנתנו להשי״ת, לכבוד של עגל הזהב, שלומדים מזה לעשות עגל לעבודה זרה. ומדוייק לשון הקרא וַיָּמִירוּ אֶת ׳כְּבוֹדָם׳. ○ ועיין **באור החיים הק׳** (תשא לב, ד) שכתב, שאי אפשר לדור דעה רבים ונכבדים לומר ל׳דומם׳ אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ, ולהעיד עדות שקר שזה הוא המוציא מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, אלא אדרבה בזה גילו דעתם שאין כוונתם אלא להקב״ה, יעויין שם שהאריך. והוא על דרך הרמב״ן ז״ל ועוד הרבה ראשונים.

[לד] **בתהלים** (קו, ז): אֲבוֹתֵינוּ בְמִצְרַיִם לֹא הִשְׂכִּילוּ נִפְלְאוֹתֶיךָ, לֹא זָכְרוּ אֶת רֹב חֲסָדֶיךָ.

**אַז מ'קוקט אַריין 'אין אֱמֶת'** [להתבונן בדבריהם בבקשת האמת לידע] **וואָס דאָס פריערדיגע דור** [האָט געזאָגט, יכולין לידע האמת].

עא

**המשך ישוב הקושיא בפרשת דברים**

ובזה יבואר שינוי הלשונות שבפרשת דברים, דבפסוק ראשון מיירי מאותו דער דעה של באי הארץ שהיו כולם צדיקים, וכמו שאמר וְהִנְּכֶם 'הַיּוֹם', והם היו יכולים לעבוד את ה' כפי השגתם, והיו ראויין שיתייחד עליהם שם ה' להקרא בתואר אֱלֹקֵיכֶם

**דאָס איז דער חִילוּק** [שבלשון הב' פסוקים בפרשת דברים].

**דעס דור** [אותו הדור שאמר להם משה] **וְהִנְּכֶם 'הַיּוֹם', דאָס איז געווען כּוּלָּם צַדִּיקִים גְּמוּרִים** [די] **וואָס זיי זענען געגאַנגען דעמאָלטס קיין ארץ ישראל, דעס דור, די עֵדָה הַשְּׁלֵמָה**[לה], [ווען] **ס'איז שוין נישט געווען פון די** [דור של] **מְרַגְּלִים, ס'איז שוין נישט געווען גאָרנישט, דעס דור איז געווען** [כולם] **צַדִּיקִים**[לו].

[איבערדעם] **האָט ער געזאָגט ה' 'אֱלֹקֵיכֶם' יְבָרֵךְ אֶתְכֶם, דאָס איז גענוג,** [התואר] **'ענקער' באַשעפער,** [לעבוד את ה'] **לויט ענקער דַעַת.** [ולכן] **האָט ער געזאָגט 'אֱלֹקֵי' לויטן דַעַת וואָס זיי האָבן געדינט** [דעם באַשעפער].

עב

אבל בפסוק השני דמיירי מדורות העתידים, כשיתקיים יֹסֵף ה' עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים, ואז לאחר ריבוי הדורות שיתרבו הנסיונות וירידת הדור, ולכן הזכיר התואר אֱלֹקֵי 'אֲבוֹתֵכֶם', דבזמן כזה אין להביט אחר השגתם ודעתם של אותו הדור עצמו, אלא צריכין לעבוד את ה' על דעתם ועל דרכם של דורות אבותינו

[אבער] **ווען ס'וועט זיין יֹסֵף ה' עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים שטייט** [בפסוק השני], **דער פסוק זאָגט דאָך, אין די שפּעטערע דורות, נאָך דעם דור** [באי הארץ], **נאָך יְהוֹשֻׁעַ'ן און די זְקֵנִים וואָס זענען געווען מיט יְהוֹשֻׁעַ'ן**[לז] [שעבדו את ישראל את ה' כל ימיהם. ווען] **מ'האָט שוין אָנגעמאַכט עבודה זרה'ס,** [און] **ס'איז שוין פאַרקרומט געוואָרן אַסאַך, דער דַעַת. דעמאָלטס מוז מען שוין נאָר קוקן** [לעבוד את ה' בבחינת] **אֱלֹקֵי 'אֲבוֹתֵיכֶם'.**

**אַז ס'איז יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים, און מ'וועט זיין 'כְּרֻבָּם'** [כֵּן חָטְאוּ לִי], **אַז מ'וועט זיי מוסיף זיין** [להתקיים] **כִּי תוֹלִיד בָּנִים וּבְנֵי בָנִים**[לח], [אין] **שפּעטערע דורות, מוז מען שוין זיין אֱלֹקֵי 'אֲבוֹתֵכֶם' יֹסֵף עֲלֵיכֶם.**

---

[לה] כלשון רש"י בפרשת חקת (כ, א): [וַיָּבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל] **כָּל הָעֵדָה. עדה השלימה, שכבר מתו מתי מדבר, ואלו פרשו לחיים.** - ולהלן שם ברש"י (כ, כב): [וַיָּבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל] **כָּל הָעֵדָה** [הֹר הָהָר]. **כולם שלמים, ועומדים להכנס לארץ, שלא היה בהן אחד מאותם שנגזרה גזירה עליהם, שכבר כָּלוּ מֵתֵי מִדְבָּר, ואלו מאותן שכתוב בהן חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם.**

[לו] כמבואר בספרי המובא ברשב"ם בבא בתרא (קיז. ד"ה כאלה) וז"ל: **ובסיפרי כתב מה תלמוד לומר לָאֵלֶּה תֵּחָלֵק הָאָרֶץ** (פנחס כו, נג), **מפני כשרים וקדושים, כלומר לאפוקי רשעים שבהן שלא היה להן חלק בה וכו'.**

**ובמדרש חסרות ויתרות** (בראשית ב, כ) [כשחושב כל מקום שנאמר תיבת 'שמות' מלא]: **לָאֵלֶּה תֵּחָלֵק הָאָרֶץ בְּנַחֲלָה בְּמִסְפַּר 'שֵׁמוֹת', מלא, שכל אותן שהיו עומדין בערבות מואב צדיקים היו, ולכך זכו שתחלק להם הארץ.**

[לז] וכדכתיב בסוף ספר יהושע (כד, לא): וַיַּעֲבֹד יִשְׂרָאֵל אֶת ה' כֹּל יְמֵי יְהוֹשֻׁעַ וְכֹל יְמֵי הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר הֶאֱרִיכוּ יָמִים אַחֲרֵי יְהוֹשֻׁעַ וַאֲשֶׁר יָדְעוּ אֵת כָּל מַעֲשֵׂה ה' אֲשֶׁר עָשָׂה לְיִשְׂרָאֵל. - וכן הוא **בספר שופטים** (ב, ז), ואחר כך נאמר (שם, י-יג) וְגַם כָּל הַדּוֹר הַהוּא נֶאֶסְפוּ אֶל אֲבוֹתָיו, וַיָּקָם דּוֹר אַחֵר אַחֲרֵיהֶם אֲשֶׁר לֹא יָדְעוּ אֶת ה' וְגַם אֶת הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר עָשָׂה לְיִשְׂרָאֵל, וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הָרַע בְּעֵינֵי ה' וַיַּעַבְדוּ אֶת הַבְּעָלִים וכו'.

וכבר האריך רבינו מענין זה **בס"ג מטות תשכ"ז** (לשון קדשו קונטרס קצח ח"ב, אות מח-מט).

[לח] וכמבואר בדברי המדרש המובא לעיל (באות כו-כח).

דעמאָלטס מוז מען שוין וויסן אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵיכֶם, און נישט קיין אייגענעם דַעַת.

מ'מוז וויסן וויאַזוי האָבן 'זיי' געדינט דעם באַשעפער, וואָס איז 'זייער' מיינונג געוועזן דאַרף מען מִתְבּוֹנֵן זיין. [איבערדעם] קאָן מען נאָר זאָגן אֱלֹקֵי 'אֲבוֹתֵיכֶם', מ'קאָן נישט עפּעס אַנדערש זאָגן.

עג

# ישוב הקושיות בפרשת קְרִיאַת שְׁמַע

ובזה יתבאר גם הלשון שאמרו השבטים ליעקב אבינו,
כְּשֵׁם שֶׁאֵין בְּלִבְּךָ אֶלָּא אֶחָד כַּךְ אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד

מיט דעם קאָן מען פאַרשטיין, - איך האָב געזאָגט שוין אַסאַך מאָל דאָס[לט], - [לבאר וואָס] ס'שטייט[מ] זיי האָבן געזאָגט [השבטים ליעקב אבינו] **כְּשֵׁם שֶׁאֵין בְּלִבְּךָ אֶלָּא אֶחָד, כַּךְ אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד.**

עד

[קושיא יח]

דלכאורה מיותר ההקדמה שאמרו 'כשם שאין בלבך אלא
אחד', ולמה לא היה סגי לומר רק 'אין בלבנו אלא אחד'

[דלכאורה קשה למה הוצרכו להקדים הקדמה זו "כשם שאין בלבך", וכי] איז דען פאַרהאַנדן צוויי ערליי אחדות הבורא ברוך הוא, [אַז] ער זאָגט 'כְּשֵׁם'. [ומן הראוי היה] זאָל ער זאָגן סְתָם [רק כי] **אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד**, דעמאָלטס ווייסט מען דאָך שוין, אַז **אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד** איז דאָך עס די זעלבע [מובן] ממילא, וואָס דאַרפן זיי זאָגן **'כְּשֵׁם' שֶׁאֵין בְּלִבְּךָ אֶלָּא אֶחָד** [כַּךְ] **אֵין בְּלִבֵּנוּ**, [דמזה] איז דאָך משמע אַז ס'איז פאַרהאַנדן [ח"ו איזה בחינת יחוד] אויף נאָך אַ בחינה, מ'איז מְיַחֵד השם יתברך אויף אַן אַנדערע בחינה אויכעט, [שעבור זה] דאַרף מען זאָגן **'אַזוי ווי' שאין בלבך אלא אחד.**

עה

**ישוב קושיא יח**

אמנם הכוונה, דרצו לשלול שאין בלבם לייחד את שם ה' כדרך שהתועים אומרים שהם גם כן רוצים בכבוד ה', אלא הם מייחדים את ה' על דרך של ישראל סברא, ולזה הקדימו ואמרו "כְּשֵׁם שֶׁאֵין בְּלִבְּךָ אֶלָּא אֶחָד, כַּךְ" אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד

נאָר מ'זעט, ס'איז אַזוי פאַרהאַנדן [גם בחינות אחרות בזה שאינם על דרך האמת, דגם התועה בדרך שקר] ער קאָן טאַקע זאָגן [אַז] ער מיינט אויך דעם באַשעפער, ער מיינט אויך נאָר 'דאָס', נאָר [ער זאגט עס] אויף 'אַזאַ' אופן, אויף אַ קרומען אופן, [וואָס ברענגט] מ'זאָל מַגְדִּיל זיין חלילה אֶת הַמִּינוּת און כְּפִירָה, מיט עֲבוֹדָה זָרָה, און אויף אַזאַ אופן מיינט ער השם יתברך, - אַזוי ווי מ'זעט 'זיי' זאָגן אויך, ער מיינט אויך 'דאָס'. -

---

[לט] **ומהם בס"ג ויחי תשט"ו** (לשון קדשו קונטרס קלב), **ובסעודת ערב יום כיפור תשכ"ו** (נדפס בדברי יואל ליו"כ אות י), **ובדרשת הושענא רבה תשכ"ו** (בפסקא יחידה ליחדך), **וס"ג ואתחנן תשכ"ו** (לשון קדשו קונטרס קיא ח"א).

**ועיין זה גם בסעודת ערב יום כיפור תשכ"ח** (לשון קדשו קונטרס רה, אות כו-לז), **ובדרשת הושענא רבה תשכ"ח** (לשון קדשו קונטרס רפה, אות נה-סה).

[מ] **בגמרא פסחים** (נו.) המובא לעיל באות לט והערה טז.

[איבערדעם] מוז מען אָבער [נאָך] וויסן צי ס'איז 'אַזוי ווי' ס'איז געווען **ביי יִשְׂרָאֵל סָבָא**, [ולזה הקדימו ואמרו] **כְּשֵׁם שֶׁאֵין בְּלִבְּךָ, נאָר אויף 'אַזאַ' בחינה** [ווי ביי ישראל סבא] **מוז עס זיין.**

עו

**ישוב קושיא טו, וקושיא יז**

ועל דרך זה יבואר גם פירש״י בפסוק שמע ישראל, דזה גם כן שייך לאמונת יחוד ה' בלבבינו, להזכיר ה' אֱלֹקֵינוּ ולא אלקי האומות, כי אין אנו מייחדין שמו על דרך שהם תועים ואומרים גם הם שכוונתם לכבוד שמים, אלא על דרך ישראל סבא, ובאופן שיכירו כולם לעתיד לבא שהוא ה' אֶחָד

**איבערדעם ווען מ'איז מְיַחֵד הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, מוז מען זאָגן** [ה' אֱלֹקֵינוּ ולא אלקי האומות], **מ'זאָגט ס'איז נאָר אֱלֹקֵינוּ.**

[דלכאורה] **וואָס הייסט אֱלֹקֵינוּ** [ולא אלקי האומות, והלא] **אַלעס זאָגט דאָך, די גוים אפילו, זאָגן דאָך אויכעט אַז די סיבה ראשונה איז דער באַשעפער. אַזוי זאָגט דאָך די גמרא בפירוש[לא].**

[און] **אפילו היינט** [ווען] **די גוים וויסן גאָרנישט** [און] **פאַרשטייען נישט, אָבער דער שׁוֹרֶשׁ און די מְקוֹרִים** [פון] **זייערע עבודה זרה'ס זענען אַלע אַזוי געווען, אויף דער בחינה, אַזוי זאָגט דאָך די גמרא[לא]** [אַז] **זיי האָבן אים גערופן אֱלָקָא דְּאֱלָקַיָא, זיי האָבן געהאַט אֱמוּנָה אין הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, זיי אַליין זענען אויך מְיַחֵד דעם באַשעפער** [שמאמינים בה' אחד], **נאָר דעס זאָגן זיי** [אויך צי, אַז] **מ'גיט איבער** [ההנהגה לשרים עליונים] **אַזוי ווי איך האָב פריער שוין עס מַסְבִּיר געווען** (באות סב-סח), **אַזוי ווי זיי זאָגן שוין.**

[וממילא] **אַז מ'וועט זאָגן סְתָּם אַז השם יתברך** [איז ה' אחד], **אַז מ'איז מְיַחֵד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ** [ויוכל להשתמע דהוא ח"ו] **אַזוי ווי 'די גאַנצע וועלט' איז מְיַחֵד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, קאָן מען 'זייער מִיאוּס אַריינפאַלן'. אַז מ'וועט קוקן 'אויף דער וועלט', דעמאָלטס איז נישט גוט, דאָס איז נישט גוט.**

[נאָר] **מ'מוז קוקן אַזוי ווי אידן האָבן געזאָגט פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא, אַז אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד אויף 'דעם' אופן** ['כשם' שאין בלבך אלא אחד].

[און] **כאָטשיג די גאַנצע וועלט זאָגט נישט אַזוי, ברויך מען צו זאָגן עַל דֶּרֶךְ ווי מ'האָט געזאָגט פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא'ן, קען מען דאָס נישט זאָגן** [רק ה' אֶחָד בלבד, רק צריך לומר גם ה' אֱלֹקֵינוּ ולא אלקי האומות].

**איבערדעם מוז מען אַרויסזאָגן שְׁמַע 'יִשְׂרָאֵל' ה' 'אֱלֹקֵינוּ', אַזוי ווי מ'האָט געזאָגט פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא, און לעתיד וועט זיין** [ה'] **אֶחָד, וועט די גאַנצע וועלט מוֹדֶה זיין.**

עז

**איבערדעם זאָגט מען טאַקע, איז רעכט וואָס דער גור אריה זאָגט,** [אַז] **פון דאָרט** [ממה שיהיה לעתיד] **איז געדרינגען אַז דאָס איז אֱמֶת** [גם עתה], **אָבער מ'מוז מיר דאָס קודם 'זאָגן'** [ה' אלקינו ולא אלקי האומות, ולומר] **אַז היינט איז נישט אַזוי, וואָרן אַז נישט קאָן מען זאָגן דאָס הַפְּכִיּוּת** [מאמונת יחוד ה'], **וואָרן אַז מ'וועט זאָגן אייניג מיט די, אַז מ'זאָגט אייניג מיט יענע, מ'זאָגט אייניג מיט דער וועלט, איז נישט גוט.**

KolSatmar.com

**איבערדעם טאַקע פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם מוז מען דאָס זאָגן.**

[דלפי פשוטו יש להקשות] **לכאורה פאַרוואָס עפּעס דאַרף מען זאָגן פאַרן כְּבוֹד שָׁמַיִם אַז ס׳איז נאָר אֱלֹקֵינוּ, ס׳איז דאָך עפּעס ווי אַ סְתִירָה, ווי כ׳האָב פריער געפרעגט די קשיא** (בקושיא טו) **פאַרוואָס דאַרף מען דאָס זאָגן,** [ומדוע לא סגי] **מ׳זאָגט סְתָּם ה׳ אֶחָד.**

[אָבער] **ניין, מ׳מוז דאָס זאָגן, וואָרן אַז נישט וועט מען זאָגן אַז מ׳זאָגט טאַקע ס׳איז דאָ איין באַשעפער אָבער** [ס׳איז] **אַזוי ווי ׳די וועלט׳ זאָגט. און די וועלט זאָגט טאַקע, און** [אָבער] **רחמנא ליצלן מ׳דינט די עֲבוֹדָה זָרָה און מ׳זאָגט אַז דאָס איז פאַרן באַשעפער, און מ׳שטעלט אַריין אין בורא כל עולמים** [דברים המורים כאילו] **אַז כָּל עֹשֵׂה רָע טוֹב בְּעֵינֵי ה׳** (מלאכי ב, יז)**, אַזוי ווי מ׳זעט היינט**[מא]**.**

**אַזוי ווי איך האָב שוין געזאָגט**[מב]**.**

עח

**איך וויל נישט דאָ מַאֲרִיךְ זיין, וואָס איך האָב געשריבן**[מג] [בביאור הפסוק] **לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר ה׳ צוּרִי וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ** (תהלים צב, טז)**,** [דלכאורה] **וואָס דאַרף מען עפּעס דערציילן אַז דער בורא כל עולמים טוט נישט קיין עַוְלוֹת.**

---

[מא] וז״ל רבינו בויואל משה (א, קלו)**: וכל אותם המגידים ומספרים שנעשה על ידי פעולות המסיתים והמדיחים למינות ולכפירה נסים ונפלאות לישראל, הן המה המפיצים כח המינות בישראל, כי יורד לחדרי בטן השומעים** [לחשוב] **שהקב״ה עושה נסים ותשועה בישראל על ידי מעשיהם של מפירי הדת רחמנא ליצלן, ושוב באים אחר כך למסקנא כי שָׁוְא עֲבֹד אֱלֹקִים. וראינו בחוש בהרבה אנשים שהיו כשרים בישראל, אלא שסיפורי הנסים של הציונים משך לבם לציונות, ונפלו ברשתם עד שעל ידי זה יצאו אחר כך לתרבות רעה, וזה נתברר במעשים בכל יום שאי אפשר להכחישם. ○ ואמרו חכמינו ז״ל** (שבת קיח:) **הקורא הַלֵּל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף, דאף שאומר הלל לשבחו יתברך שמו ולנסיו המבוארים שם בקראי, מכל מקום אם אומרו בזמן שלא נצטוה על כך מפי החכמים, מביא לידי חירוף וגידוף. והרבה גרוע מזה מאוד, המספרים הילולים לְמַה שנעשה על ידי הציונים, ונמשכין בזה לבבות בני ישראל לחשוב כי טוב בעיני ה׳ מעשה הציונים המפירין ועוקרין התורה הקדושה, כי עושה נסים על ידיהם. ועליהם אמר הנביא** (מלאכי ב, יז) **הוֹגַעְתֶּם ה׳ בְּדִבְרֵיכֶם, וַאֲמַרְתֶּם בַּמָּה הוֹגָעְנוּ, בֶּאֱמָרְכֶם כָּל עֹשֵׂה רָע טוֹב בְּעֵינֵי ה׳ וּבָהֶם הוּא חָפֵץ, אוֹ אַיֵּה אֱלֹקֵי הַמִּשְׁפָּט. והנה לא שמענו כזאת עד עכשיו בדורינו, כי האפיקורסים שמלפנים היו אומרים לית דין ולית דיין, אבל מי אמר כָּל עֹשֵׂה רָע טוֹב בְּעֵינֵי ה׳ וּבָהֶם הוּא חָפֵץ, עד עכשיו בדורינו התלבש השטן בצורה זו, על ידי הדתיים הנגררים אחר הציונים ודורשין לפני העם ממעשה הכופרים רחמנא ליצלן, שהשיגו גדולות ונפלאות מאת השי״ת, נסי נסים. ועל הדרשנים האלה צווח הנביא הוֹגַעְתֶּם ה׳ בְּדִבְרֵיכֶם. ○ ואמר הכתוב אחר כך** (שם ג, א) **הִנְנִי שֹׁלֵחַ מַלְאָכִי וגו׳ וּפִתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ וגו׳, שזה קאי על ביאת אליהו ומשיח, שאז יתגלה האמת.**

[מב] בדברי תורה שבס״ג נשא-קרח תשכ״ז, שהאריך שם רבינו בענינים אלו של נסיונות הזמן והתקופה.

[מג] בקונטרס על הגאולה ועה״ת (סימן נב, מכתי״ק)**: והנה בפרק מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת וגו׳, אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע וגו׳ בִּפְרֹחַ רְשָׁעִים וגו׳ עוֹד יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה וגו׳, לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר ה׳ צוּרִי וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ. כתב שם הרד״ק על הכתוב עוֹד** [יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה] **וגו׳, שזה בימי המשיח שיהיו ימי ישראל ארוכים וכו׳ דְּשֵׁנִים וְרַעֲנַנִּים, לְהַגִּיד שאז יגידו כִּי יָשָׁר ה׳. כי בזמן הזה לבות בני אדם פוסחים במעשי הָקֵל, בראותם שַׁלְוַת הרשעים ויסורי הצדיקים, ובזמן העתיד בימות המשיח יצטרפו ויתלבנו וישארו ככסף מזוקק, ולא יהיה עוד שלות רשעים ולא צרה לצדיקים, ואז ידעו כל העולם כִּי יָשָׁר ה׳, ויאמרו הכל כי לֹא עַוְלָתָה בּוֹ, וכל מעשהו באמונה, יעויין שם.**

ולכאורה הלשון הוא פלא עצום, שנראה ח״ו שיש צורך להגיד על ה׳ שאינו עושה עַוְלָה, וישר הוא. ואין זה שבח אלא לבשר ודם שיוכל לעשות עַוְלָה ואפשר שאינו אדם ישר, אבל הקב״ה, ממה נפשך אם מאמין ביחודו יתברך שמו, ממילא הוא כן שאי אפשר שיעשה עַוְלָה ודבר שלא ביושר, ואם מסתפק בזה, הוא כופר בהקב״ה וחושב על דבר שאין לו מציאות באלקי האמת.

ונראין הדברים על פי מה שכתב ק״ז זלה״ה (בישמח משה על נ״ך, בביאורי קהלת ב יד) לפרש הכתוב **אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל לֹא יָבִין אֶת זֹאת** (תהלים שם, ז), דקשה הלשון שֶׁמְּשַׁנֶּה בין הבער לכסיל, ומהו הלשון ׳אֶת זֹאת׳ שאומר אצל הכסיל. אבל הענין הוא, שֶׁהַבַּעַר לֹא יֵדָע לתרץ הפליאה העצומה של שַׁלְוַת רשעים כל כך, אבל על כל פנים יודע הוא שאינו יודע, אבל הַכְּסִיל גרע מֵהַבַּעַר, שלא יבין גם אֶת זֹאת לידע שאינו יודע כמו הבער, אלא חושב על עצמו שהוא היודע. ○ ונמצא שיש בכתוב זה שלשה גווני, **האחד הוא החכם** היודע ומבין מה שאמר

נאָר דורך די גרויסע הַסְתָּרָה קאָן מען מיינען אַז דער באַשעפער טוט אַלע עַוְלוֹת רחמנא ליצלן, [וכאילו] אַז דער באַשעפער מאַכט גאָר גרויס דעם כֹּחַ פון מִינוּת מיט אַפִּיקוֹרְסוּת.

איך וויל נישט דאָ מַאֲרִיךְ זיין, איך האָב שוין געשמועסט דערפון[מב], און איך האָב שוין געשריבן[מג].

עט

על כל פנים מוז מען זאָגן [ה׳ אֱלֹקֵינוּ, ולא אלקי האומות].

איבערדעם איז רעכט פאַרוואָס מ׳מוז דאָס מְפַרֵט זיין.

מ׳מוז מְפַרֵט זיין פּונקטליך.

פ

**ישוב קושיא טז**

ומטעם זה גם כן מקדימים לומר שְׁמַע ׳יִשְׂרָאֵל׳, וכפירוש המדרש דכוונה על יעקב אבינו, לומר שאנו מייחדים את ה׳ רק על דרך שייחד ישראל סבא את ה׳, והוא כדרך שאמרו השבטים "כשם שאין בלבך אלא אחד"

[ולכן] **אַז מ׳גייט מְיַחֵד זיין דעם באַשעפער, און מ׳זאָגט ה׳ אֱלֹקֵינוּ** [צריכין להקדים אמירת] **שְׁמַע ׳יִשְׂרָאֵל׳** [וכדרשת המדרש] **אַזוי ווי אונז האָב מיר געזאָגט ׳פאַר ישראל סבא׳** [דעם] **ה׳ אֱלֹקֵינוּ, דעס זאָג מיר ווייטער.**

**נישט אַזוי ווי ׳די וועלט׳ זאָגט ה׳ אֱלֹקֵינוּ, נאָר אַזוי ווי אידן** [השבטים הק׳] **האָבן געזאָגט,** [והוא בבחינת] **אֱלֹקֵי ׳אֲבוֹתֵיכֶם׳, אַזוי ווי אידן האָבן געזאָגט, אַזוי ווי מ׳האָב מיר געזאָגט פאַר יִשְׂרָאֵל סָבָא,** [מיט] **דער כח פון די י״ב שבטים** [שאמרו כן ליעקב].

**פון דעמאָלטס אָן זאָגן דאָך דאָס אידן[מד].**

פא

**די אַנדערע** [האומרים בדרך מעוקם], **זענען דאָך בידוע שלא עמדו אבותיהם על הר סיני, אַזוי זאָגט דאָך דער רמב״ם[מה].** [והם אינם נכללים בתואר ׳ישראל׳ האמיתי. ולכן מבואר גם

---

הכתוב על הצלחת הרשעים, ואין לו שום קושיא, אלא עומד ומצפה לישועתן של ישראל ולביאת המשיח, שיתגלה האמת לעין כל. והשני הוא הַבַּעַר, שאינו יודע מה להשיב, ועומד ומשתומם בבלבול המוחות. והשלישי הוא הַכְּסִיל שגרוע מהכל, שאף שאינו מבין דברי הכתוב, חושב על עצמו שֶׁיּוֹדֵעַ, שלכאורה ידיעה זו מה טוֹבָהּ, וצריכים לומר שחושב שכן הוא האמת, כמו שאמר הכתוב (מלאכי ב, יז) על אותן האומרים כָּל עֹשֵׂה רָע טוֹב בְּעֵינֵי ה׳, ואינו חושב זה לְעַוְלָה כלל. ○ כמו שרואין עכשיו בעוה״ר שהכל רוצין להתדבק בהצלחת הכופרים ומינים רח״ל, ותאוות לבבם להנות ממזלם והצלחתם, ועל כן מוצאים להם אמתלאות שונות לאמר שבחר בהם הקב״ה ובמעשיהם, - [אף שהם] מאותן המנאצים את ה׳ והשחיתו והתעיבו רוב העולם למינות וכפירה ולעקירת התורה הק׳ וממשיכים ככה את מעשיהם באופנים נוראים, - ותולין זה בהקב״ה, שנותן להם הצלחה זאת לגדלם ולנשאם. ואין לך מרידה יותר בהקב״ה מזה, לתלות בו בּוֹקֵי סְרוּקֵי (עי׳ גמ׳ ורש״י חולין נ:) כל כך, כמובן, ועל כן אומרים שאין בזה עַוְלָה כלל כי גם [נדצ״ל גם כי] המה מְאַשְּׁרִים זֵדִים שבחנו את האלקים, וככה צריך להיות לפי דעתם הנכזבה, ומוצאים לזה גם מְקוֹרִים וכזבים [נדצ״ל נכזבים] מהתורה הק׳.

ולזה אמר הכתוב [לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר ה׳ צוּרִי וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ], **כי לעתיד יתגלה האמת, כי בהשפעת הקב״ה לא נמצא עַוְלָתָה, אלא כל הצלחת הרשעים הוא על ידי הס״מ שהניחו הקב״ה לנסיון, ולבסוף יתברר ויתלבן הכל, ויתרומם קרן הצדיקים, והיה ה׳ למלך על כל הארץ.** ○ ויהיה איך שיהיה בביאור הכתובים, עכ״פ זה ודאי מבואר בכתוב, גודל ׳הַכְּסִילוּת׳ של המתפעלים מהצלחת הרשעים. ובעוה״ר נתפסו בכסילות הזה רובא דרובא דעלמא, וה׳ ירחם.

[מד] וכדנראה מדברי המדרש המובא לעיל (בהערה יד), **מהיכן זכו ישראל לקריאת שמע וכו׳.** וביותר מלשון התנחומא המובא לעיל (בהערה טז) **ומאותה שעה זכו ישראל ׳להיות קורין׳ שמע וכו׳.** וכן נראה מדברי הגמרא **פסחים** המובא לעיל (שם) בענין אמירת בשכמל״ו.

לפי פשוטו מה שמקדימים לומר שְׁמַע 'יִשְׂרָאֵל', להדגיש שמייחד את ה' על דרך שמייחדים אותו בני ישראל שעמדו על הר סיני (וכדלעיל בסוף אות לב)].

פב

**סיום ישוב קושיא טו, וקושיא יז**

**איז רעכט וואס** [מ'זאגט אז] **נאָר ה' אֱלֹקֵינוּ, און** [אַז] **לעתיד ווען משיח וועט קומען וועט יעדער קומען צום אֱמֶת, אַזוי ווי ס'שטייט בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד**[מו]**.**

**איבערדעם קער דאָס אויכעט צום יִחוּד ה'.**

פג

## ביאור המדרש בפסוק כִּי תוֹלִיד בָּנִים

**[קושיא יב]**

לכאורה הב' פשטים שבמדרש בענין הפסוק כְּרֻבָּם כֵּן חָטְאוּ לִי, הם קצת סותרים. דלפשט הראשון נמצא דהתחיל החטא מן הגדולים, ולפשט השני התחיל מן העם שנתברכו בעושר ובנים

[ולבאר] **די צוויי פְּשָׁטִים וואָס דער מדרש זאָגט** [אויף] **כְּרֻבָּם כֵּן חָטְאוּ לִי.**

[דהנה קשה] **לכאורה, אַז כְּרֻבָּם מיינט מען אַז מ'זינדיגט קודם דער נשיא מיטן אב בית דין, ווי ער רעכנט אויס די נשיאים** [מתירין תחילה] **און דער אב בית דין** [אחריהם]**.**

**און דערנאָך זאָגט ער כְּרֻבָּם** [שנתרבו בעשירות ובנים, ולפי"ז מצינו כמו כן להיפך שהקלקלה מתחלת מצד העם, ולא מצד הבי"ד][מז]**.**

פד

**ישוב קושיא יב**

אמנם יש לפרש דשניהם הא בהא תליא, דמה שהנשיא וראשי הדור התירו להם, זה בא בסיבת התקיפים שבדור שנתרבו בעושר וגדולה, ועל ידי כח האלמות שלהם ומה שהכבוד והממון תלוי בהם, מכח שוחד זה נתהווה רצון לראשי הדור למצוא חן בעיניהם ובעיני הדור, ועל ידי זה נסתמו עיניהם מלראות דרך האמת, והתירו להם פירצות הדור

**קען זיין ס'איז הָא בְּהָא תַּלְיָא** [אלו הב' פשטים]**.**

[כי יַעַן] **'ווייל' ס'איז געווען כְּרֻבָּם** [לפשט השני]**, זיי זענען אַזוי שטאַרק געוואָרן,** [און] **אַזוי גרויס געוואָרן,** [און] **מ'האָט זיי געגעבן ריבוי בנים,** [און] **אַז ס'איז געווען כְּרֻבָּם מיט עֲשִׁירוּת און נאָך אַזעלעכע זאַכן, איז דאָ אַ גרויסער כֹּחַ הָאַלְמוּת,** [וואָס] **דאָס האָט מְאַיֵּים געווען אויף די מַנְהִיגִים אַז 'זיי' זענען פאַרפירט געוואָרן,** [ועבור זה

---

[מה] **באגרת תימן להרמב"ם** (פרק ג): **ואל יבהילו אתכם השמדות אם תכפו אתכם, ואל יפחיד אתכם תוקף יד האויב עליהם וחלישת אומתנו. שכל הענין הזה אינו רק נסיון ובחינה, להראות אמונתכם וחבתכם בעולם, ושלא יחזיקו בדת האמת בעתות כאלו אלא החכמים יראי ה' מזרע יעקב הזרע הטהור והנקי שנאמר עליהם** (יואל ג, ה) **וּבַשְּׂרִידִים אֲשֶׁר ה' קֹרֵא, ביאר שהם יחידים, והם האנשים שעמדו אבותם על הר סיני ושמעו הדיבור מפי הגבורה ושלחו ידיהם ואמונתם לברית וקבלו על עצמם המעשה והקבלה ואמרו כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע** (משפטים כד, ז)**, וחייבו דבר זה עליהם ועל הבאים אחריהם, שכן כתוב** (נצבים כט, כח) **לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם.** ○ **וכבר הבטיחנו הבורא יתברך כאדם הנכנס עָרֵב לחבירו, ודי לנו בערבותו, והודיענו שכל מי שעמד על הר סיני, שהם מאמינים בנבואות משה רבינו בכל מה שבא על ידו, הם ובניהם ובני בניהם עד עולם, שכן אמר הקב"ה יתברך** (יתרו יט, ט) **הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם. לפיכך יש לדעת, שכל מי שנטה מדרך הדת הנתונה במעמד ההוא, שאינו מזרע האנשים ההם. וכן אמרו רבותינו ז"ל** (עי' נדרים כ.) **על כל המסתפק בנבואה, לא עמדו אבותיו על הר סיני. המקום יצילנו ויצילכם מן הספק, וירחיק ממנו ומכם המחשבות המביאות לידי ספק ולידי מכשול.** [ועיין בזה בעל הגאולה ועה"ת (סימן סב), ועוד].

[מו] **וכדמפרש בגמרא פסחים** (נ.) **המובא לעיל בהערה יא.**

[מז] **ועיין קושיא זו ועוד קושיא בקונטרס על הגאולה ועה"ת** (סימן עח)**, והועתק להלן.**

היה הנשיא מתיר, וכן כולם אחריו. און] ממילא האָט עס שוין פאַרפירט אפילו די וואָס זיי העטן נישט גיוועט געווען פאַרפירט [מצד עצמם, אמנם] דורכדעם, דורך דעם שטאַרקייט מיטן כֹּחַ הָאַלְמוּת [שיש בהדור על ידי העשירים ובעלי כח, דורך] דעס וואָס זיי זענען געוואָרן אַזוי שטאַרק, איז עס כְּרֻבָּם [גם לפי פשט הראשון, שנתעו כולם ע״י הנשיא ואב בית דין].

דיביידע פְּשָׁטִים זענען הָא בְּהָא תַּלְיָא, די אַלע פְּשָׁטִים, יענעס [הפשט השני] איז דֵין גְּרָמָא [בניזקין, שנעשה אחר כך הפשט הראשון][מח].

---

[מח] ועיין **בעל הגאולה ועה״ת** (סימן עו-עח) **שכתב שם רבינו** (באותה תקופה) **ענין זה בארוכה, וז״ל שם: והסיבה לירידה הנוראה הזאת, שנתפס כמעט כל הדור ברשת הציונים והנגררים אחריהם אף מהמנהיגים שבראשם, ואלפים ורבבות מבני ישראל התמימים נכשלו להלל ולשבח בכבוד הרשעים ולהתפעל מהצלחתם, כבר בארתי בספרי ויואל משה** שיש בזה כמה סיבות. ○ ראשית, הדמיון בזה כעין עבודה זרה שהיה פָּרוּץ בימי בית ראשון וכו׳ מחמת יצרא דעבודה זרה דתקיף להו אָז וכו׳. ○ ועוד יש סיבה גדולה הגורמת לזה, **והוא גודל האלמות והתקיפות השורר בזמנינו מקצה הארץ ועד קצהו, וממש רובם ככולם דעת הציבור שבכל הקהלות להטיל אימה יתירה** על המנהיגים בכל מיני איומים, ומבטיחים להזיקם בכל מיני הזיקות, כדי להביאם לידי כך שיכנעו מפניהם ויסכימו להרים דגל מלכות הציונות, ולשבח ולפאר בכבוד הרשעים והצלחתם. ואין תימה אם כל זאת מטיל אימה על המנהיגים להטות לבבם ולהביאם לידי סמיות עינים שלא להכיר את האמת וכו׳, והרי אמרו רבותינו ז״ל (כתובות קה.) דאפילו שוחד דברים אסור, והארכתי בזה בספרי הנ״ל (ויוא״מ א, קמח) עיי״ש. על כל פנים האלמות הזה הוא המטעה לרוב המנהיגים ורובא דעלמא בעוונינו הרבים. ○ ואף אם לא יטו לעשות כרצונם, אבל על כל פנים יכנעו מיראת האלמות, ולא יוכיחו בשער וכו׳. ○ ואפשר לבאר בזה **דברי המדרש רבה פרשת ואתחנן, כִּי תוֹלִיד בָּנִים וכו׳ זש״ה כְּרֻבָּם כֵּן חָטְאוּ לִי וכו׳**, עד כאן. ולכאורה יפלא, דאיך יזדמן כזאת שהגדולים ומנהיגי הדור יפרצו גדר תחלה ויגרמו קלקול לכל הדור שימשכו אחריהם, ובפרט בבתי דינים בדורות הקודמים, ובהיות ישראל שרוין על אדמתן, שכל מה שישראל הוחזקו בכשרותן המבואר בדברי **הרמב״ם** (מאכלות אסורות יא, כה. ועוד), **ביארתי בספרי ויואל משה** (ב, עט) דכל עיקר חזקתן הועמד על יסוד **בתי דינים הכשרים** שהיו בישראל בזמן הבית, והיה בכוחם להסיר ולמנוע כל מכשול עיי״ש. וכאן דרשו ז״ל להיפך, שהנשיא ואב בית דין והדיינים המה המחטיאים ומורים דרך לעם לעבור על דברי תורה ולהתיר איסורים, וצריך הסבר מציאות כזה בדורות הקודמים. ○ גם דלאידך לישני שבמדרש כל שהרביתי להם ארצות וכו׳ כל שהרביתי להם עושר כן חטאו לי וכו׳, ולפי זה היה גרמת הקלקלה מצד העם. וצ״ב במאי פליגי. ○ אמנם יתבאר לדרכנו הנ״ל, ואפשר דכולהו לישני על קוטב אחד סובבים וכוונה אחת להם, ובאמת כוונתם ז״ל במנהיגים ובתי דינים שהוחזקו בכשרותן ולא נחשדו להחטיא את ישראל ברצונם וּבְאַוַּת נפשם, **אלא הסיבה הגורמת להם להיות** טועים ולהתיר מה שאסרה התורה הק׳, **הוא מחמת אַלְמוּת העם, כמבואר באידך לישני שבמדרש** דכל שהרביתי להם ארצות והרביתי להם עושר חטאו לי, **ועל ידי העושר ורב גדלם הטילו אַלְמוּת וּתְקִיפוּת וָפַחַד על ראשי ומנהיגי העם, עד שנתהוה אצלם הָרָצוֹן למלאות רצון העם ומבוקשו, ונעשו מְשׁוּחָדִים לאותו הָרָצוֹן** כמו שביארנו לעיל. וזה גורם לטעות בדעת התורה הק׳, ויכשלו להתיר מה שאסרה תורה. ואחר כך **יגררו כל הדור אחריהם**. ולפ״ז יבואר מדרש הנ״ל, דכולהו לישני על קוטב אחד סובבים, והאחד מַשְׁלִים את חבירו ולא פליגי.

ועיין עוד בזה **בויואל משה** (א, קנג) וז״ל: ויהיה איך שיהיה, הנה מבואר בכתוב [בענין פר העלם דבר] **שיש מציאות** אשר אף הסנהדרין הגדולה שבזמן הבית, היושבין בלשכת הגזית, יוכלו לבוא לידי טעות כזה להורות לכל ישראל לעבוד עבודה זרה רחמנא ליצלן, וכל ישראל יעשו כן מעשה על פיהם. ○ **ובמדרש רבה פרשת ואתחנן** על הכתוב **כִּי תוֹלִיד בָּנִים** וכו׳, מי גרם לכל הדור לחטוא, הנשיא שחטא תחילה, עכ״ל. ובודאי לא מיירי כשהנשיא ואב בית דין והדיינים פושעים ח״ו, דאטו ברשיעי עסקינן, ואין הדור למדין מפושעים. **ונראה דמיירי כשהתחיל בטעות על ידי ׳עון הדור׳** באופן שכתבתי למעלה, **ושוב מתקלקל ׳הדור׳ יותר, שעל ידי הנשיא והאב בית דין והדיינים נעשה להם היתר, והפירצה מתרחבת והולכת אחר כך הרבה יותר כמבואר במדרש רבה** בראשית (כו, ח) תנא רבי שמעון בן יוחאי כל פירצה שאינה מן הגדולים אינה פירצה. ○ ובימינו אלה יש עדיין יראים מועטים בישראל, שאינם מושפעין בעצם מהדור המרובה, כי יודעים שהמה תועים מן הדרך, ואינם נצרכים להם שישפיעו עליהם. אבל מחמת שהמנהיגים נצרכים להדור המרובה, ועל כן השפעתם עליהם, ושוב אחר כך באה השפעת המנהיגים על היראים המועטים. ונמצא **שהשפעת הדור המרובה התועים מן הדרך, משפיעים על היראים המעטים, באמצעות המנהיגים הכשרים**. ○ ועל כן מקוננת הנבואה ביחזקאל (פרק לד) על הרועים שבישראל, ופתח לומר הוֹי רֹעֵי יִשְׂרָאֵל, והאריך בזה בכמה פסוקים בכל הקאפיטל, עד שסיים לבסוף שהקב״ה יציל צאנו מהם, ועבדי דוד הוא ירעה אותם. ופירשו **המפרשים** שזה קאי על מלך המשיח שהוא מזרע דוד בעצמו. **ונמצא לפי זה שכל אותו הפרק המתנבא על רועי ישראל, קאי על הדור האחרון של עיקבא דמשיחא** טרם ביאת המשיח, והוא הדור שאנחנו חיים בו, ותסמר שערות אנוש בהביטו אל הנביאות הנאמרים שם על רועי ישראל שבדור ההוא. הרחמן הוא יתברך שמו ירחם עלינו בב״א.

KolSatmar.com

קצח

## ברכת הקודש

היוצא לנו מזה, אַז דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן: נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי.

ס׳זאָל שוין זיין די נֶחָמָה.

כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ כֵּן עוֹד נֶחֱזֶה[מט].

אַזוי ווי מ׳זעה מיר אַזויפיל הִתְחַזְּקוּת דאָ [בפסוקי ההפטורה], - ווי מ׳זעה מיר אין די מדרשי חכמינו ז״ל[נ] [על פסוקים אלו], - אַז דער בורא כל עולמים וועט אַמאָל [בכל אופן] העלפן אידן.

[אַזוי] זאָל מיר האָבן די זְכִיָּה צו זיין פון ׳די׳, מ׳זאָל מיר דאָס דערלעבן.

אונז זאָל מיר זוֹכֶה זיין, מ׳זאָל נישט נִדְחֶה ווערן דורך די חֲטָאִים.

מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין צו זיין פון די וואָס זיי וועלן זיין צווישן די ׳געהאָלפענע׳, צווישן די ׳געטרייסטע׳ מיט די אֱמֶת׳דיגע נֶחָמָה וואָס ס׳וועט זיין בִּמְהֵרָה, בִּמְהֵרָה.

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל דערפרייען אידישע הערצער, און דערלייכטן אידישע אויגן. [די] אידן וואָס זיי קוקן אַרויס נאָך [אויף די יְשׁוּעָה].

ס׳איז דאָ אידן מיט צובראָכענע הערצער, וואָס זיי העטן נאָך געוואָלט גיין בְּדֶרֶךְ הָאֱמֶת.

דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל זיך שוין מְרַחֵם זיין עַל עַמּוֹ וְעַל אַרְצוֹ, מ׳זאָל שוין געהאָלפן ווערן בִּמְהֵרָה.

מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זען בִּישׁוּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל וְשִׂמְחָתָן, די יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה, בְּהִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל[נא] [ובהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן].

---

[מט] לשון היוצרות, במוסף לשבת החודש.

[נ] עיין באורך בילקוט שמעוני על ישעי׳ (פרק מ).

[נא] כאן נפסק הריקאָרדינג, וחסר משהו בסוף.

KolSatmar.com